STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05750

NOHEM GOLDMAN

Aaron Alperin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אהרן אַלפּערין

נחום גאָלדמאַן

★

אַרויסגעגעבן דורכן
קולטור־דעפּאַרטאַמענט
פון יידישן וועלט־קאָנגרעס
ירושלים, 1976

AARON ALPERIN

NAHUM GOLDMANN

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINA
© Congreso Judío Mundial

Hecho el depósito que marca la ley 11.723



ד"ר נחום גאָלדמאַן

(איילבילד פֿון שמואל לם, ישראל)

1

„די לעצטע אוטאָפּיע"

„ציוניזם איז אַ גרויסע אידעע. און אויב מען נעמט־אָן, אַז ציוניזם איז אַ נאַציאָנאַליסטישע באַפרײַונגס־באַוועגונג ווי אַלע אַנדערע, מאַכט מען אַ שרעקלעכן טעות. דאָס מיינט באַרויבן דעם ציוניזם פון זײַן אמתן און אייג־ציקן יסוד, פון זײַן אויטענטישער באַרעכטיקונג. אין ציוניזם זײַנען פאַראיי־ניקט סײַ רעליגיע און סײַ סענטימענט, סײַ אינטעלעקטואַליזם און סײַ מיס־טיציזם, וואָס זײַנען אַלע פאַרבונדן מיט דעם לאַנד ישראל, פון וועלכן דאָס יידישע פאָלק — וואָס איז געוואָרן צעזייט און צעשפּרייט, וואָס איז גערודפט און געפּײַניקט געוואָרן אין משך פון לאַנגע יאָרהונדערטער און פון וועלכן גרויסע טיילן זײַנען פון צײַט צו צײַט אויסגעמאָרדט געוואָרן — האָט זינט צוויי טויזנט יאָר קיין מאָל זיך ניט געוואָלט אָפּזאָגן. יאָ, ציוניזם איז אַ גרויסע אידעע און אַ הערלעכע באַוועגונג, די לעצטע אוטאָפּיע אין דער וועלט, וועל־כע איז פאַרווירקלעכט געוואָרן".

„און איך בין דאָ צו פאַרטיידיקן די קלאַסישע און הומאַניטאַרע קאָנצעפּ־ציע פון ציוניזם, וואָס האָט געמאַכט פון דער דאָזיקער באַוועגונג עפּעס אַזעל־כעס, וואָס איז אַן אויסנאַם, אַ יחיד־במינו אין דער וועלט".

אַזוי האָט ד"ר נחום גאָלדמאַן זיך אויסגעדריקט אין אַן אינטערוויו פאַר אַ פראַנצויזישער ליטעראַריש־פּאָליטישער צײַטשריפט, ווען מען האָט גע־פּײַערט זײַן אַכציקסטן געבורטסטאָג. און ער האָט צוגעגעבן, אַז באַענט צו זיבן יאָרצענדלינגער — זינט ער איז אין עלטער פון 13 און אַ האַלבן יאָר אַרויסגעטראָטן אין פראַנקפורט־בײַם־מײַן מיט זײַן ערשטער רעדע, אין אַ חנוכה־אָוונט, אויף דער טעמע „יידנטום און העלעניזם" — קעמפט ער פאַר דער ציוניסטישער אידעע. און זײַנע איצטיקע אַרויסטריטן — מיט די מיי־נונגען, מיט וועלכע ער קומט אַרויס, און מיט די וואָרענונגען, וועלכע ער מאַכט — זײַנען דער המשך פון זײַן קאַמף פאַר דער קלאַסישער און הומאַני־

טאַרער קאָנצעפּציע פון ציוניזם — די „לעצטע אוטאָפּיע אין דער וועלט, וואָס איז פאַרווירקלעכט געוואָרן".

דער דאָזיקער „אני מאמין" דערנענטערט ד"ר נחום גאָלדמאַנען צו הערצ־לען און ווייצמאַנען, וועמענס דירעקטער יורש ער איז אין דער פּירערשאַפט פון דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג. אָבער ד"ר גאָלדמאַן האָט נאָך אויס־געברייטערט דעם האָריזאָנט פון דער אידעע אין דער היסטאָרישער ראָלע, וואָס ער האָט געשפּילט אין דער פאַרווירקלעכונג פון דער ציוניסטישער אור־טאָפּיע. ער האָט אַרײַנגענומען אין ציוניזם די עובדות, צו פאַרזיכערן דעם קיום פון וועלט־ייִדנטום אין זײַנע תפוצות און צו פאַרטיידיקן ייִדישע רעכט אומעטום, ווו זיי זײַנען באַדראָט. און ער איז אויך געוואָרן דער קלאַסישער פאַרטיידיקער פון דער קאָנצעפּציע, אַז עס איז ניט פאַראַן קיין סתירה צווישן דער אידעע פון באַנײַען די נאַציאָנאַלע ייִדישע זעלבשטענדיקייט אין ארץ ישראל און דער אויפגאַבע צו שטאַרקן דעם ייִדישן קיום אין די תפוצות. להיפוך — די צוויי צילן דערגאַנצן איינער דעם אַנדערן בײַם אויפהאַלטן דעם המשך פון קיום פון ייִדישן פאָלק, וואָס איז — ווי זײַן נאַציאָנאַלע אויפלע־בונגס־אידעע — אַנדערש פון אַנדערע פעלקער אין דער וועלט, מיט אַלע באַגלייט־דערשײַנונגען און קאָנסעקווענצן, וואָס זײַנען דערמיט פאַרבונדן.

די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע, וואָס ד"ר הערצל האָט געגרינדעט, און דער ייִדישער וועלטקאָנגרעס, פון וועלכן ד"ר סטיפען ס. ווײַז און ער זײַנען געווען די פּיאָנערן און בויערס, זײַנען אין ד"ר גאָלדמאַנס באַנעם צוויי טיילן פון דער ראַם, וואָס נעמט אַרום די פליכט און די זאָרג אויפצוהאַלטן די אייגנאַרטיקייט און אַנדערשקייט פון דעם קיום פון ייִדישן פאָלק אין זײַן גאַנצ־קייט.

דער לעבנס־לאַנגער קאַמף פאַר אָט דער אייגנאַרטיקייט און אַנדערשקייט פון ייִדישן לעבן און ייִדישן קיום, און פאַר דעם באַזונדערן אָרט, וואָס דאָס ייִדישע פאָלק פאַרנעמט צווישן די פעלקער פון דער וועלט מיט זײַנע נאַציאָ־נאַלע אייגנשאַפטן, מיט זײַן גורל און מיט די כסדרדיקע אַנטוויקלונגען פון זײַן אַלטער געשיכטע, פון אָנהייב אָן ביז איצט — איז די הויפּט־כאַראַקטע־ריסטיק פון דער אייגנאַרטיקער, נאָן־קאָנפאָרמיסטישער פערזענלעכקייט פון ד"ר נחום גאָלדמאַן אויף זײַן אַלגעמיין־אָנערקענטער פּאָזיציע בראש פון דער פירערשאַפט פון ייִדישן פאָלק אין אונדזער צײַט.

דריי דורות



דער זיידע קווינט

דער זיידע לייבמאַן



דער פאָטער
סאַלאָמאָן גאָלדמאַן

די מוטער
רבקה גאָלדמאַן

נחום אַלס בר־מצווה־בחור

אין עלטער פון 17 יאָר

2

פון קליינעם שטעטל אין דער גרויסער וועלט

„צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע ייִדישע פירערס געהער איך צו אַ דור, דעם לעצטן פון דעם מין, וואָס האָט געשפּילט אַן אייִנציק־אַרטיקע ראָלע אין ייִדישן לעבן אין די פאַרגאַנגענע יאָרצענדליגער — אַ דור, וואָס איז געווען טיף פאַרוואָרצלט אין מזרח־אייראָפּע, אָבער איז דערצויגן געוואָרן אין מערב און האָט פאַראייניקט אין זיך אַ סך אייגנשאַפטן פון דער אייראָפּעיִשער קולטור, פון מזרח און מערב, פון דער דאָרטיקער ייִדישער און ניט־ייִדישער קולטור. דער עמינענטסטער און אין אַ געוויסן זינען דער כאַראַקטעריסטיש־סטער פאָרשטייער פון דעם דור איז געווען חיים ווייצמאַן. און עס איז ניט קיין צופאַל, וואָס די פירנדיקע פאָרשטייערס פון דעם דור האָבן פאַרנומען די הויפּט־פּאָזיציעס אין מאָדערנעם ציוניזם, ווייל עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג, אַז זי איז אין אַ גרויסער מאָס באַזירט אויף דעם סינטעז פון מזרח און מערב" — מיט דעם דאָזיקן אַרייַנבליק האָט ד"ר גאָלדמאַן זיך אַליין פאָרגעשטעלט אין זייַן אויטאָביאָגראַפיע, וואָס איז דערשינען מיט עטלעכע יאָר צוריק.

ווי חיים ווייצמאַן, קומט אויך נחום גאָלדמאַן פון דעם קליינעם שטעטל אין מזרח־אייראָפּע. זייַן שטעטל איז געווען ווישניעווע, אין ליטע, ווו ער איז געבוירן געוואָרן אין 1895. ער איז דאָרט געבליבן בלויז די ערשטע זעקס יאָר פון זייַן קינדהייט, אָבער יענע יאָרן האָבן איבערגעלאָזט אויף אים אַ שטאַרקן חותם מיט דער ספּעציפישער ייִדישער אַטמאָספערע. פון די קינדער־יאָרן אין שטעטל זייַנען אים פאַרבליבן די הויפּטשטריכן פון זייַן כאַראַקטער: זייַן זעלבסט־זיכערקייט; זייַן געפיל ניט צו האָבן קיין קאָמפּלעקסן אין דער באַרירונג מיט דער ניט־ייִדישער וועלט און מיט אירע פירערס, וועלכע קאָנען זייַן שטאַרקער, אָבער ניט העכער; זייַן נאַטירלעך ייִדיש באַוווסטזייַן, וואָס איז פרייַ פון ספיקות און פון פאַרענטפערן זיך פאַר וועמען עס איז; זייַן גלייַכ־קייט ווי אַ ייִד און ווי אַ בירגער פון דער וועלט. מיט אָט די אַלע גרונט־אייגנ־שאַפטן — וואָס האָבן אים אַ סך געהאָלפן אין זייַן ווייטערדיקן לעבן, אין די שווערע נסיונות בייַם באַהאַנדלען ייִדישע פראָבלעמען און קאָנפערירן וועגן זיי מיט מעכטיקע מלוכה־לייַט — איז נחום גאָלדמאַן אַרויסגעקומען פון שטעטל און איז אַרייַן אין דער גרויסער וועלט, אין וועלכער ער האָט אַן שוועריקייטן זיך פאַרוואָרצלט.

אין פראַנקפורט, אין דער דײַטשישער שטאָט, וואָס האָט אַ מאָל זיך געקאָנט איבערנעמען מיט אַ יחוסדיקער ייִדישער קהילה, האָבן נחום גאָלדמאַנס עלטערן זיך אײַנגעאָרדנט נאָכן פאַרלאָזן ווישניעווע, און ער האָט דאָרט פאַרבראַכט זײַנע שוליאָרן. זײַן פאָטער איז געווען אַ העברעיִשער לערער און שריפטשטעלער, רעדאַקטאָר פון „איזראַעליטישן פאַמיליענבלאַט", וואָס איז דערשינען אין דער שטאָט און האָט באַאײַנפלוסט דאָס לעבן פון דער ייִדישער געמיינדע. אין דער היים פון זײַנע עלטערן איז ער אויפגעוואָקסן אין דער סביבה פון ייִדישע סטודענטן פון מזרח־אייראָפּע, וואָס זײַנען געווען אָפטע אַרײַנגייערס צו זיי, און וועמען זײַן פאָטער האָט אַ סך געהאָלפן. איינער פון אָט די סטודענטן, יעקב קליאַצקין, וועלכער איז שפּעטער באַרימט געוואָרן ווי אַ העברעיִשער שרײַבער און דענקער — איינער פון די פּראָמינענטסטע פון זײַן דור — האָט געהאַט אַ שטאַרקע השפעה אויף גאָלדמאַנען און איז אויך געוואָרן ענג פאַרבונדן מיט אים אין זײַנע ערשטע ליטעראַרישע און ציוניסטישע טעטיקייטן.

נחום גאָלדמאַן אַלס בר־מצוה־בחור צוזאַמען מיט זײַנע עלטערן און זײַן פֿעטער, דעם העברעיִשן דיכטער און פֿאַרלעגער א. ל. שאַלקאָוויטש (בן־אביגדר)

נחום גאָלדמאַן באַטראַכט זיך פאַר אַ געבוירענעם ציוניסט, און מיט רעכט. זײַן פאָטער איז געוואָרן אַקטיוו אין דער באַוועגונג, איז געשטאַנען אין שפּיץ פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין פראַנקפורט און האָט זיך באַטייליקט אין עטלעכע פון די ערשטע ציוניסטישע קאָנגרעסן. דער יונגער נחום האָט שוין אין דער אָרטאָדאָקסישער שול, וווּ ער האָט געלערנט די ערשטע יאָרן אין פראַנקפורט, געהאַט קאָנפליקטן מיט די לערערס איבער זײַנע ציוניסטי־שע איבערצײַגונגען. און ווי אַ רעזולטאַט פון די סכסוכים האָט זײַן פאָטער אים אַרויסגענומען פון דער אָרטאָדאָקסישער שול און אַרײַנגעגעבן אין דער רעאַל־גימנאַזיע. לערנענדיק אין דער גימנאַזיע, האָט ער גלײַכצײַטיק שוין אָנגעהויבן זײַן ציוניסטישע טעטיקייט, אַרויסטרעטנדיק מיט עפּנטלעכע רע־פעראַטן, און באַטייליקנדיק זיך אין דיסקוסיעס מיט ניט־ציוניסטן. אין עלטער פון ווייניקער פון 14 יאָר איז ער — ווי שוין דערמאָנט — אַרויסגעטראָטן מיט זײַן ערשטער רעדע אויף אַ חנוכה־אָוונט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין פראַנקפורט. דאָס איז געווען אַ גרעאָטענער אָנהייב פון זײַן לאַנגער דער־פאָלגרײַכער קאַריערע ווי אַ רעדנער, אין וועלכער ער האָט אַנטוויקלט אַן אייגענע מעטאָד און טעכניק, אַזוי אַרום אַז דער עיקר איז געווען אינהאַלט, און סתּם אָראַטאָרישקייט האָט פאַרנומען אַ צווייט אָרט. לאָגיק, איבערצײַגונג־קראַפט, אַ ניט־קאָנווענציאָנעלע פאָרעם פאַר ניט־קאָנפאָרמיסטישע אויספירן און בעיקר דער לעבהאַפטער קאָנטאַקט מיטן צוהערער־עולם — זײַנען די באַזע פון נחום גאָלדמאַנס עפנטלעכע אַרויסטריטן, וואָס פאַרנעמען גאָר אַ גרויסן טייל פון זײַן געזעלשאַפטלעכער און פּאָליטישער טעטיקייט, און מיט וועלכע ער האָט שטאַרק געווירקט אויף וויכטיקע היסטאָרישע אַנטוויקלונגען אין יידישן לעבן אין די פאַרגאַנגענע יאָרצענדלינגער.

גלײַכצײַטיק מיטן אָנהייב פון זײַן רעדנער־קאַריערע — שוין אין די יאָרן ווען ער האָט נאָך געלערנט אין גימנאַזיע און איז שוין געוואָרן אַ ציו־ניסטישער לעקטאָר — האָט נחום גאָלדמאַן געמאַכט זײַנע ערשטע ליטעראַ־רישע שריט. ער האָט אָנגעהויבן פאַרעפנטלעכן אַרטיקלען אין דער צײַטשריפט „פראַנקפורטער איזראַעליטישעס פאַמיליענבלאַט“, וואָס זײַן פאָטער האָט רע־דאַקטירט. ער האָט געשריבן קריטישע איבערזיכטן וועגן ביכער און אויך אַר־טיקלען אויף אַקטועלע טעמעס אין יידישן לעבן, ניט בלויז אין דײַטשלאַנד. צוויי אַרטיקלען זײַנע, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין עלטער פון 16 יאָר, האָבן געהאַט זייער ערנסטע רעזולטאַטן, אַזוי ווײַט אַז דער דעמאָלטיקער וויצע־פּרעזידענט פון דער פּרעסטיזשפולער פראַנצויזיש־יידישער אָרגאַניזאַציע „אַלי־אַנס איזראַעליט אוניווערסעל“, דער באַרימטער אַרכעאָלאָג סאַלאָמאָן ריינאַך, איז געווען געצוווּנגען צו רעזיגנירן איבער גאָלדמאַנס שאַרפן אַרויסטריט קעגן

אים. אין דעם איז געווען פאַרמישט סאַלאָמאָן ריינאַכס אַן ענטפער, אַז „מיר האָבן שוין סײַ־ווי־סײַ צו פיל ייִדן, און מיר דאַרפן ניט האָבן קיין נײַע פּראָבלעמען" — וואָס ער האָט געגעבן דעם באַוווסטן אָריענטאַליסט, ד"ר זשאַק פײַטלאָוויטש, וועלכער האָט געווידמעט אַ גאַנץ לעבן צו פאָרשן די פאַלאַשאַ־ייִדן אין עטיאָפּיע, ווען ער האָט געבעטן הילף פאַר זיי בײַ „אַליאַנס איזראַעליט". נחום גאָלדמאַן האָט אין זײַנע אַרטיקלען רעאַגירט אויף דעם אַזוי שאַרף, אַז דער פּראָמינענטער פראַנצויזיש־ייִדישער וויסנשאַפטלער האָט געמוזט לײַדן די קאָנסעקווענצן פון זײַן דערקלערונג. גענוי ווי זײַנע ערשטע ציוניסטישע רעדעס, אַזוי זײַנען אויך גאָלדמאַנס זשורנאַליסטישע אַרויסטריטן אין די גאָר יונגע יאָרן געווען דער אָנהייב פון אַ שריפטשטעלערישער קאַריערע, וואָס האָט ניט איין מאָל אַרויסגערופן שאַרפע פּאָלעמיק און האָט אויך געבראַכט צו וויכטיקע האַנדלונגען אין ציוניסטישן און אין אַלגעמיין־ייִדישן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

נאָך אַ דריטע פאַזע פון זײַן לאַנגיעריקער פּאָליטישער אַרבעט האָט נחום גאָלדמאַן אָנגעהויבן גאָר פרי: זײַנע נסיעות און באַזוכן אין פאַרשיידענע לענדער פון דער וועלט. זײַן פאָטער האָט אים מיטגענומען אויף אַ נסיעה קיין פראַנקרײַך, ענגלאַנד און בעלגיע, ווו ער האָט געהאַט זײַנע ערשטע דערפאַרונגען פון אַ וועלט־רײַזנדער, וואָס ער איז שפּעטער געוואָרן צוליב די אומצייליקע פּאָליטישע קאָנפערענצן און פאַרהאַנדלונגען. איינע פון די נסיעות פון זײַן פאָטער האָט אים אויך געפירט בײַצוזײַן, צום ערשטן מאָל, אויף אַ ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל, אין 1911. דער פאָטער איז געווען אַ דעלעגאַט צו דעם קאָנגרעס. דער יונגער גאָלדמאַן האָט זיך באַקענט מיט דער אײגנאַרטיקער אַטמאָספערע און באַזונדערע טראַדיציעס פון די ציוניסטישע קאָנגרעסן, אויף וועלכע עס איז אים שפּעטער, אין משך פון אַ סך לאַנגע, אויך שטורמישע און אַנטשיידנדיקע יאָרן, אויסגעקומען צו שפּילן אַזאַ פּראָמינענטע און פירנדיקע ראָלע.

די אַלע צוגערייטונגען צו זײַן קומענדיק לעבן, וואָס זײַנען בײַם יונגן נחום גאָלדמאַן געקומען ווי נאַטירלעך, האָט ער שוין געהאַט דורכגעמאַכט, ווען ער האָט געענדיקט די גימנאַזיע און פראַנקפורט, און איז אין 1912 אַוועקגעפאָרן שטודירן אין אוניווערסיטעט אין הײַדעלבערג.

3

דערפֿאַרונגען פֿון ערשטן באַזוך אין ארץ־ישראל

די אוניווערסיטעט־יאָרן זײַנען ניט געווען פֿאַרבונדן בײַ נחום גאָלדמאַנען מיט באַזונדערע שוועריקייטן און אָנשטרענגונגען אין לערנען. ווי ער אַליין דערציילט, האָט ער זיך ווייניק באַווײַזן אויף די לעקציעס פֿון פּראָפֿעסאָרן. פֿאָרמעל האָט ער שטודירט יוריספּרודענץ, און ער האָט דערפֿאַר באַקומען זײַן דאָקטאָר־דיפּלאָם. אָבער ער האָט זיך אַ סך מער אָפּגעגעבן מיט ייִדישער וויסנשאַפֿט, מיט אַלגעמיינער פֿילאָסאָפֿיע, סאָציאָלאָגיע, ייִדישער און אַלגעמיינער געשיכטע, און האָט זײַן צײַט געווידמעט מער צו לייענען ביכער, ווי צו קומען אויף די לעקציעס אין אוניווערסיטעט. ער איז שוין אַליין אַרומגעפֿאָרן מיט רעפֿעראַטן איבער די ייִדישע קהילות אין דײַטשלאַנד, און זיי זײַנען געוואָרן פֿאַר אים אַ חשובער פּרנסה־קוואַל. דאָס וויכטיקסטע געשעעניש אין זײַנע אוניווערסיטעט־יאָרן איז געווען זײַן ערשטע רײַזע קיין ארץ־ישראל אין 1913, צוזאַמען מיט אַ גרופּע דײַטש־ייִדישע סטודענטן, צווישן וועלכע ער איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט גערעדט העברעיִש.

ער איז געפֿאָרן קיין ארץ־ישראל אויף פֿיר וואָכן, אָבער זײַן באַזוך האָט זיך פֿאַרצויגן פֿינף חדשים. ער איז געבליבן אין לאַנד שוין נאָך דעם, ווי די גרופּע איז אַוועקגעפֿאָרן, און ער האָט דורכגעלאָזט אַ סעמעסטער אין אוניווערסיטעט. נחום גאָלדמאַן באַטראַכט די דאָזיקע ערשטע נסיעה זײַנע קיין ישראל ווי די וויכטיקסטע, ווײַל דעמאָלט איז ער געוואָרן אויף תּמיד צוגעבונדן צום ייִדישן היימלאַנד און זײַנע פּראָבלעמען. „מײַן ערשטע באַגעגעניש מיט ארץ־ישראל איז געווען אַן אַנטשיידנדיק געשעעניש פֿאַר מיר, אַ געשעעניש וואָס האָט פֿאַרבונדן מײַן צוקונפֿט מיט דעם לאַנד" — באַטאָנט ער אין זײַן אויטאָביאָגראַפֿיע. ער האָט דאָן זיך באַקענט אין ארץ־ישראל מיט אַ ריי גײַסטיקע און פּאָליטישע פֿירערס פֿון ישוב, מיט וועלכע עס איז אים שפּעטער אויסגעקומען נאָענט מיטצואַרבעטן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. צווישן זיי זײַנען געווען: דער העברעיִשער שריפֿטשטעלער הלל בן מרדכי הכהן, אַ פּאַטריאַרכאַלע פֿיגור; ד״ר אַרטור רופּין, דער גרעסטער פּיאָנער אין דער גרינדונג פֿון ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע ישובים; דוד יעלין, ד״ר ניסן טוראָוו, ד״ר בן־ציון מאָסינזאָן, ד״ר חיים באָגראַטשאָוו, פּראָפֿעסאָר אליעזר סוקיעניק — פּראָמינענטע פּעדאַגאָגן, וועלכע האָבן געלייגט די יסודות פֿאַר דער גײַסטיקער און פּאָליטישער אַנטוויקלונג פֿון באַנײַטן ייִדישן היימלאַנד.

פון זײַנע לאַנגע שמועסן און דיסקוסיעס מיט משה סמילאַנסקין, אײנעם פֿון די אָנגעזעענסטע בויערס פֿון ישוב און באַקאַנטן שרײַבער, האָט גאָלדמאַן שוין דעמאָלט אַ סך געלערנט וועגן דער ייִדיש־אַראַבישער פּראָבלעם אין לאַנד.

זײַנע אײַנדרוקן און באַטראַכטונגען וועגן דער דעמאָלטיקער לאַגע אין ארץ־ישׂראל האָט נחום גאָלדמאַן איבערגעגעבן אין אַ ריי אַרטיקלען און שיל־דערונגען, וואָס ער האָט פֿון דאָרטן געשיקט צום „פֿראַנקפֿורטער איזראַע־ליטישן פֿאַמיליענבלאַט". אַ דאַנק די באַמיִונגען פֿון זײַן פֿאָטער, זײַנען די אַרטיקלען נאָך אין 1913 אַרויסגעגעבן געוואָרן אין אַ בוך. דאָס בוך „ארץ ישׂראל — רײַזעבריוו" איז ביז איצט כאַראַקטעריסטיש פֿאַר גאָלדמאַנס שפּע־טערדיקע מיינונגען און באַגריפֿן וועגן די פּראָבלעמען פֿון ארץ־ישׂראל. דאָרטן ציט ער אונטער אַזאַ סך־הכּל פֿון די איבערלעבענישן פֿון יענעם ערשטן באַזוך:

„ווען איך בין דאָן אוועקגעפֿאָרן פֿון ארץ־ישׂראל, איז מײַן ציוניזם געווען באַרײַכערט מיט אַ זייער וויכטיקן פֿאַקטאָר, מיט דעם לאַנד אַליין. ביז דע־מאָלט איז ציוניזם געווען פֿאַר מיר אַן אַבסטראַקטע אידעע. איך האָב ניט גע־האַט קיין ממשותדיקע קאָנצעפּציע וועגן דעם, וואָס עס מיינט קאָנקרעט דער פּראָצעס פֿון שיבֿת ציון. פֿון דעמאָלט אָן האָב איך אָנגעהויבן פֿאַרשטיין, וואָס ציוניזם באַדײַט, ניט בלויז אין דעם נעגאַטיוון זין פֿון פֿאַרלאָזן הינטער זיך די תּפֿוצות, נאָר אויך פּאָזיטיוו, ווי אַ נײַער אָנהייב אין ייִדישן היימלאַנד".

4

ערשטע שריט אין ייִדישער פּאָליטישער און דיפּלאָמאַטישער אַרבעט

א ויפֿן צוריקוועג פֿון ארץ־ישׂראל האָט נחום גאָלדמאַן זיך אָפּגעשטעלט אין ווין, וווּהין ער איז געפֿאָרן בײַצוזײַן אויפֿן 11טן ציוניסטישן קאָנגרעס. זײַן פֿאָטער און אַנדערע פֿון זײַן משפּחה האָבן זיך דאָרט פֿאַרזאַמלט, און עס איז געווען פֿאַר אים, ווי פֿאַר אַ סך אַנדערע, אויך אַ פֿאַמיליע־צוזאַמענקום — וואָס האָט אַזוי שטאַרק כאַראַקטעריזירט די דעמאָלטיקע ציוניסטישע קאָנגרעסן.

פאַר גאָלדמאַנען האָט עס אויך געמיינט אַז דער וועג, וועלכן ער האָט זיך אָפּגעקליבן אין לעבן, ווערט שוין אין אַ געוויסער מאָס פאַרבונדן מיט די ציוניסטישע קאָנגרעסן.

ער איז אַוועקגעפאָרן ווײַטער שטודירן אין הײַדעלבערג. אָבער באַלד איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה, וואָס האָט נחום גאָלדמאַנען געבראַכט גאַנץ אומגעווינטלעכע דערפאַרונגען אין זײַן פערזענלעכן לעבן. ער האָט שוין דאַן געשריבן אַקטועלע פּאָליטישע אַרטיקלען אין דער „פראַנקפורטער צײַטונג", וואָס האָט פאַרנומען אַן אָנגעזעען אָרט אין דער דעמאָלטיקער דײַטשישער פרעסע. ער איז ניט געווען קיין דײַטשישער בירגער, אויך ניט קיין רוסישער, און איז לויט די מלחמה־רעגולאַציעס פאַררעכנט געוואָרן ווי אַ „פײַנטלעכער אויסלענדער". אָבער זײַנע אַרטיקלען, אין וועלכע ער האָט באַהאַנדלט די מלחמה־פּראָבלעמען, האָבן אַרויסגערופן אַזאַ אויפמערקזאַמקייט, אַז ער איז אײַנגעלאַדן געוואָרן קיין בערלין מיטצואַרבעטן אין דער פרעסע־אָפּטיילונג פון אויסערן־מיניסטעריום. נחום גאָלדמאַן האָט די אײַנלאַדונג און זײַן שפּעטערדיקע פונקציע אין אויסערן־מיניסטעריום אויסגענוצט צו קאָנצענטרירן זיך אויף די דײַטש־ייִדישע פּראָגעס.

אין ערשטן וועלטקריג האָט דײַטשלאַנד, וואָס האָט געהאַט אָקופּירט פּוילן און ליטע, געהאַט פאַר זיך אַ גרויסע ייִדישע פּראָבלעם אין אַדמיניסטרירן די פאַרנומענע געגנטן. גאָלדמאַן האָט שוין דאַן אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן וועגן קולטור־אויטאָנאָמיע פאַר די ייִדישע ישובים אין פּוילן און ליטע. ער האָט אין מיטן קריג עטלעכע מאָל באַזוכט וואַרשע און איז געקומען אין קאָנטאַקט מיט די דאָרטיקע ייִדישע פירערס. דײַטשלאַנד האָט אין ערשטן וועלטקריג אויך געהאַט אַ געוויסע השפּעה אויף די אַנטוויקלונגען אין ארץ־ישראל דורך דעם, וואָס טערקײַ איז געווען אַ פאַרבינדעטע אין דער מלחמה. די טערקישע רעגירונג האָט דאַן געשטעלט אין געפאַר דעם גאַנצן ייִדישן ישוב, און געסטראָשעט מיט אַרויסטרײַבן אַלע ייִדן. טײלווײַז איז דער גירוש דורכגעפירט געוואָרן. אָבער דער פולער גירוש איז אין לעצטן מאָמענט אויסגעמיטן געוואָרן דורך דער אינטערווענץ פון דער דײַטשישער רעגירונג. נחום גאָלדמאַן איז געווען אַרײַנגעמישט אין דער אַקציע.

די אַלע טעטיקייטן האָבן צונויפגעפירט דעם יונגן נחום גאָלדמאַן מיט די דעמאָלטיקע אָפיציעלע פאַרשטייערס פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע אין בערלין און מיט די פירערס פון דײַטשישן ציוניזם: ד״ר וויקטאָר יאַקאָבסאָן, ריכאַרד ליכטהיים, ד״ר אַרטור האַנטעק, ד״ר קורט בלומענפעלד — מיט וועמען עס איז אים שפּעטער אויסגעקומען צוזאַמענצואַרבעטן אַ סך און נאָענט אין דער ציוניסטישער פּאָליטיק און אין אַלגעמיין אין דער ציו־

ניסטישער באַוועגונג. און ווען די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט, מיט דער מפּלה פון דײַטשלאַנד און אירע פאַרבינדעטע, האָט גאָלדמאַן — וועלכער האָט נאָך פריִער געהאַט פאַרלאָזט זײַן אַרבעט אין בערלינער אויסערן־מיניסטעריום — שוין געהאַט דערוואָרבן זײַנע ערשטע דערפאַרונגען אין יידישער פּאָליטי־שער און דיפּלאָמאַטישער טעטיקייט. ער האָט זיך ניט געלאָזט אַרײַנציִען אין אַלגעמיינעם פּאָליטישן לעבן פון דער ווײַמאַר־רעפּובליק, וואָס איז אַנטשטאַנ־גען נאָך דער מפּלה פון קײַזערלעכן דײַטשלאַנד — הגם די נײַע דײַטשישע פירערס, צווישן וועלכע ער האָט געהאַט אַ סך באַקאַנטע, האָבן אים דערצו שטאַרק צוגערעדט. ער האָט שוין געוווּסט, אַז זײַן וועג אין לעבן איז זיך צו ווידמען דעם ציוניזם און אָפּצוגעבן זיך מיט אַלגעמיינע יידישע פּראָבלע־מען. קורץ נאָכן סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער צוריקגעפאָרן קיין הײַדעלבערג צו פאַרענדיקן זײַן שטודיום און באַקומען זײַן דאָקטאָראַט, צוגרייטנדיק זיך צו דער קאַריערע, וואָס ער האָט זיך אָפּגעקליבן.

5

אַקטועלע געדאַנקען און פּרינציפּן — פון אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק

די שטרעבונג זיך צו ווידמען דעם ציוניזם איז בײַ גאָלדמאַנען כסדר גע־וואַקסן און האָט אַוועקגענומען פון אים דעם חשק, מיט וועלכן ער האָט זיך אַרומגעטראָגן אַ געוויסע צײַט, אַרײַנצולאָזן זיך אין אַן אַקאַדעמישער קאַריערע. זײַן דיפּלאָם פון דאָקטאָר אויף יוריספּרודענץ האָט ער באַקומען אָן שוועריקייטן. אָבער ער האָט שטודירט ווײַטער אין הײַדעלבערג פילאָסאָ־פיע, סאָציאָלאָגיע און פּאָליטישע וויסנשאַפט בײַ פּראָפעסאָרן, וועלכע זײַנען אין יענער צײַט געווען צווישן די פּראָמינענטסטע אין דײַטשלאַנד און אין גאַנץ מערב־אייראָפּע. אין איינעם מיט דעם האָט ער ווײַטער געהאַט זײַנע איי־גענע אַרויסטריטן ווי אַ לעקטאָר וועגן ציוניסטישע און אַלגעמיין־יידישע פּראָבלעמען.

אין הײַדעלבערג איז גאָלדמאַן ווידער זיך צונויפגעקומען מיט זײַן עלטערן

פרײַנד יעקב קליאַצקין, וועלכער איז אין די מלחמה־יאָרן געווען אין דער שווייץ. זײַן פרײַנדשאַפט און שפּעטער אויך נאָענטע צוזאַמענאַרבעט מיט קליאַצקינען איז געווען אין אַ געוויסער מאָס פּאַראַדאָקסאַל, אין דעם זינען פונעם גרויסן און ראַדיקאַלן מרחק, וואָס האָט זיי בײדע פונאַנדערגעטיילט אינעם באַנעמען די פּראָבלעם פון ארץ־ישראל און גלות. גאָלדמאַן האָט קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן קליאַצקינס טעזע, אַז די יידישע ישובים אין די תפוצות האָבן ניט קיין שום צוקונפט, ווײַל פעלקער וועלכע האָבן ניט קיין טעריטאָריעלע היים, קאָנען ניט בלײַבן לעבן. גאָלדמאַן איז באַשטאַנען — ווי ער באַשטייט אויך איצט — אויף דעם אמת פון דער עיקר־קאָנצעפּציע, אַז דאָס יידישע פאָלק איז אַנדערש פון אַנדערע פעלקער; אַז יידן האָבן שוין איבערגעלעבט עטלעכע גלותן; אַז פאַקטיש האָט די יידישע געשיכטע זיך אָנגעהויבן מיט אַ גלות, גלות מצרים — און בײַ דעם אַלעם האָבן יידן אויפגעהאַלטן זייער קיום ווי אַ פאָלק. די לאַגע פון יידישן פאָלק וועט ניט קאָנען נאָרמאַליזירט ווערן דורך צונויפזאַמלען אַ קליינעם טייל פון פאָלק אין ארץ־ישראל און מוותר זײַן אויף די יידן אין די תפוצות. יידן זײַנען געבליבן לעבן ווי אַ פאָלק דערפאַר, ווײַל ניט געקוקט אויף אַלע אַזוי־גערופענע געזעצן פון דער געשיכטע, האָט דער אומבאַזיגבאַרער ווילן פון יידישן פאָלק אויפצוהאַלטן זײַן קיום פּראָדוצירט פאַר דעם צוועק פאַרשיידענע מיטלען און וועגן אין די פאַרשיידענע צײַטן פון זײַן צעשפּרייטקייט איבער דער וועלט. דאָס זעלביקע וועט געשען — איז געווען נחום גאָלדמאַנס אויפפאַסונג שוין דעמאָלט — ווען די יידישע מדינה וועט ווידער באַנײַט ווערן אין ארץ־ישראל. יידן וועלן געפינען אַ נײַעם וועג, ווי אַזוי אָנצוהאַלטן די אינטימע, גורלדיקע באַציִונגען צווישן דער יידישער מדינה און יידישן פאָלק אין דער וועלט, צווישן דעם צענטער און דער פּעריפעריע, צווישן דער מדינה און די תפוצות. ארץ־ישראל וועט ווידער אויפגעריכט ווערן ווי אַ יידישע מדינה דורך דעם נאַציאָנאַל־אויפגעלעבטן יידישן פאָלק. און די באַנײַטע יידישע מדינה וועט ווערן דער צענטער און דער הויפּטפאַקטאָר פאַר דעם נאַציאָנאַלן רענעסאַנס פון יידן אין דער גאָרער וועלט, אין די תפוצות.

„איך האָב קיין מאָל ניט איבערגעצײַגט קליאַצקינען, און קליאַצקין האָט קיין מאָל מיך ניט איבערגעצײַגט" — שרײַבט גאָלדמאַן אין זײַנע מעמואַרן. אָבער דאָס איז שוין געבליבן איינע פון די עיקר־קאָנצעפּיעס פון גאָלדמאַנס פילאָסאָפיע וועגן די פּראָבלעמען פון ציוניזם און פון קיום פון יידישן פאָלק אין דער וועלט. און הגם זיי האָבן בײדע געהאַט אַזעלכע שאַרף־פאַרשיידענע שטאַנדפּונקטן, זײַנען זיי פון דעסט וועגן צוגעטראָטן אַרויסצוגעבן צוזאַמען אַ צײַטשריפט „פרײַע ציוניסטישע בלעטער", אין וועלכער דער אַקצענט איז

טאַקע געלייגט געוואָרן אויף דער פרײַהייט פון געדאַנק. קליאַצקין און גאָלד־מאַן, מיט נאָך אַ קליינער גרופּע דײַטש־יידישע אינטעלעקטואַלן, האָבן אין דער צײַטשריפט פּאַרעפנטלעכט אַרטיקלען, אין וועלכע עס זײַנען אויסגע־דריקט געוואָרן מיינונגען, וואָס זײַנען געווען אין גאַנצן אַנדערש פון דער אָנגענומענער פּאָליטישער ליניע פון דער דעמאָלטיקער ציוניסטישער פירער־שאַפט — אין דער ערשטער תקופה נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע — וואָס איז געווען אונטער ד״ר חיים ווייצמאַנס אײַנפלוס. די צײַטשריפט „פרײַע ציוניסטישע בלעטער״ האָט ניט לאַנג עקסיסטירט. קליאַצקין און גאָלדמאַן האָבן זי אַרויסגעגעבן ניט־רעגולער מיט זייערע אייגענע מאַגערע מיטלען, אָן שום אָנשפּאַר און וועלכע עס איז גרופּע אין דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. אָבער אין די עטלעכע נומערן פון „פרײַע ציוניסטישע בלעטער״ זײַנען אין די אַרטיקלען אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין די יאָרן 1923—1924 געדאַנקען, וועלכע זײַנען נאָך הײַנט אַקטועל אין דער פּאָלעמיק וועגן דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע און אויך וועגן די פּראָבלעמען פון מדינת ישראל.

גאָלדמאַן האָט אין דער צײַטשריפט פּאַרעפנטלעכט אַ פונדאַמענטאַלן עסיי וועגן דער אַראַבישער פּראָבלעם אין ארץ־ישראל. ער איז אַרויסגעקומען מיט שאַרפע פּאָרווורפן קעגן דעם ישוב און זײַן פירערשאַפט, דעם ועד לאומי, פאַר פאַרנאַכלעסיקן די פראַגע, פאַר ניט זוכן אין דער נייטיקער מאָס דעם וועג פון שכנישן צוזאַמענלעבן מיט די אַראַבער. „מיר ווילן אין ארץ־ישראל בויען אונדזער לאַנד און אַ נײַע געזעלשאַפט. דאַרפן מיר זיך אויסלערנען צו האָבן די געהעריקע באַציִונג צו דער ניט־יידישער באַפעלקערונג״ — האָט גאָלדמאַן געשריבן. „דאָס אײַנשטעלן די געהעריקע באַציִונגען צו די אַראַבישע שכנים וועט זײַן די בעסטע באַזע פאַר דער לייזונג פון דער אַראַבישער פּראָבלעם אין איר טעריטאָריעלער פאָרעם היינט־צו־טאָג און וועט גלײַכצײַטיק אויך זײַן דער בעסטער פאָרויסבאַדינג פאַר דער לייזונג פון דער גרויסער וועלט־פּאָליטישער אַראַבישער פּראָבלעם, וואָס וועט זײַן די צענטראַלע פּאָליטישע פּראָבלעם פון דער קומענדיקער ארץ־ישראל״.

צו די דאָזיקע אויספירן וועגן דער פראַגע פון די אַראַבער, ווי אויך וועגן דער פּראָבלעם פון ארץ־ישראל און וועלט־יידנטום — בײַ אַן אַנדערער דיסקוסיע — איז נחום גאָלדמאַן געקומען אין די יאָרן 1923—1924. כמעט אַ האַלבן יאָרהונדערט שפּעטער האָט ער געקאָנט אין זײַנע זכרונות דערקלערן מיט רעכט: „איך האָב אַ סך מאָל געענדערט מײַן מיינונג וועגן פּראַקטישע און אַדמיניסטראַטיווע ענינים, וועגן פּאַרטיי־צוגעהעריקייט אין ציוניזם, און איך שעם זיך ניט מיט דעם. סוף־כל־סוף זײַנען דאָס בלויז מיטלען פאַר דעם צוועק. אַ פּאַרטיי איז ניט קיין ציל פאַר זיך אַליין. און אָרגאַניזאַציאָנעלע

סטרוקטור איז ניט קיין ענדציל. און ווער עס באַזיצט ניט די פלעקסיביליטעט פאַר טאַקטישע פּאָליטישע שריט, דער זאָל בכלל זיך ניט פאַרנעמען מיט קיין פּאָליטיק. אָבער ווען עס קומט צו פּרינציפּן, איז מײַן קאָנצעפּציע וועגן ציוניזם ווי די גרויסע היסטאָרישע מאָראַלישע און גײַסטיקע באַוועגונג געבליבן אין תוך די זעלביקע הײַנט צו טאָג, ווי זי איז געווען דעמאָלט". דאָס זעלביקע איז ריכטיק בנוגע גאָלדמאַנס באַגריף פון דער אַראַבישער פּראָבלעם.

6

ערשטע קאַמפּן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג

באַלד האָט זיך אָנגערוקט די צײַט, ווען נחום גאָלדמאַן האָט דורכגעמאַכט זײַן ערשטן פּרווו, ווען ער האָט זײַן באַנעם וועגן אָרגאַניזאַציע און אידעאָלאָגיע אין ציוניזם געדאַרפט איבערזעצן אין רעאַליטעט. ער איז אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין דער ציוניסטישער פּאָליטיק, פריער אין דער אינעווייניקסטער און דערנאָך אין דער אויסנווייניקסטער. ער האָט דורכגעמאַכט דעם ערשטן קאַמף אַרום אַ קאָנקרעטער איבערלעך־פּאָליטישער פראַגע. דאָס איז געווען וועגן שאַפן די אויסגעברייטערטע יידישע אַגענטור. אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן אָפּמאַך וועגן בריטישן מאַנדאַט איבער ארץ־ישראל, איז די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע אָנערקענט געוואָרן ווי די יידישע אַגענטור, מיט דער פולמאַכט צו קאָאָפּערירן מיט דער בריטישער מאַנדאַטמאַכט אין אַנטוויקלען די יידישע נאַציאָנאַלע היים אין ארץ־ישראל. אין דעם איז געווען פאַרויסגעזען די מעגלעכקייט, אַז אויך ניט־ציוניסטישע גרופּעס זאָלן ווערן אַ טייל פון דער אָפיציעל־אָנערקענדער יידישער אַגענטור. ד״ר חיים וויצמאַן, דעמאָלטיקער פּרעזידענט און פירער פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, האָט באַלד אָנגעהויבן באַמיִונגען צו שאַפן די אויסגעברייטערטע יידישע אַגענטור — ווי עס האָט געקלונגען דער אָפיציעלער טערמין — דורך אַרײַנציִען אײַנפלוסרײַכע ניט־ציוניסטן, וועלכע זאָלן פאַרטרעטן די יידישע קרײַזן מיט גרויסע מאַטעריעלע מיטלען צו העלפן בויען די יידישע נאַציאָנאַלע היים אין ארץ־ישראל.

ד״ר וויצמאַנס פּלאַן האָט אַרויסגערופן אַ שאַרפע דיסקוסיע, וואָס האָט

אָנגעהאַלטן עטלעכע יאָר אין די ציוניסטישע רייען. גאָלדמאַן האָט געהערט צו אַ קלענער, אָבער פּראָמינענטער גרופּע, וואָס האָט זיך אָנגערופן „ראַדיקאַלע ציוניסטן", וועלכע האָבן באַקעמפט דעם פּלאַן. דער שטאַנדפּונקט פון דער גרופּע, פון וועלכער דער פירער פון פּוילישן ייִדנטום יצחק גרינבוים איז געשטאַנען אין דער שפּיץ, איז געווען אַז די ניט־ציוניסטן קאָנען צוגעצויגן ווערן צו קאָאָפּערירן אין דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון ארץ־ישראל, אָבער זייער פּאָליטישע קאָאָפּעראַציע דאַרף מען אָפּוואַרפן, ווײַל זייערע אידעען זײַנען ניט אין אײַנקלאַנג מיט די צילן פון ציוניזם.

נחום גאָלדמאַן, וועלכער האָט שוין דאַן פאַרנומען אַן אָנגעזעענע פּאָזיציע אויף די ציוניסטישע קאָנגרעסן און אין די אינגעוויניקסטע פירנדיקע קרײַזן פון דער באַוועגונג, האָט דורכגעמאַכט דעם גאַנצן קאַמף אַרום דער גרינדונג פון דער אויסגעברייטערטער ייִדישער אַגענטור, ווי איינער פון די פאַרשטייערס פון דער אָפּאָזיציע. ער האָט צום ערשטן מאָל זיך באַטייליקט אין די באַראַטונגען פון די קאָמיסיעס, וווּ עס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן דער סטאַטוט פון דער אויסגעברייטערטער ייִדישער אַגענטור, ווי אויך דער אָפּמאַך, וואָס האָט געדאַרפט געשלאָסן ווערן מיט די ניט־ציוניסטן.

די גרופּע פון די ראַדיקאַלע ציוניסטן, וואָס איז אין דער פראַגע געגאַנגען צוזאַמען מיט זאב זשאַבאָטינסקיס פּאַרטיי פון ציוניסטן־רעוויזיאָניסטן, האָט דעם קאַמף פאַרשפּילט. די גרויסע מערהייט פון ציוניסטישן קאָנגרעס אין 1929, אין ציריך, האָט אָנגענומען ווייצמאַנס פּלאַן. און באַלד דערנאָך איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ציריך דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון דער אויסגעברייטערטער ייִדישער אַגענטור, וואָס איז געווען די אימפּאָזאַנטסטע און רעפּרעזענטאַטיווסטע ייִדישע וועלט־קאָנפערענץ, וואָס האָט געקאָנט צונויפגערופן ווערן אין יענער צײַט. ד"ר גאָלדמאַן איז בײַ דער קאָנפערענץ געווען דער פאַרשטייער פון זײַן גרופּע ראַדיקאַלע ציוניסטן און האָט אין איר נאָמען אָפּגעגעבן פון דער טריבונע די דערקלערונג, אַז ווי דעמאָקראַטן וועלן זײַנע חברים און ער רעספּעקטירן דעם באַשלוס פון דער מערהייט און וועלן קאָנסטרוקטיוו מיטאַרבעטן מיט דער אויסגעברייטערטער ייִדישער אַגענטור.

דאָס האָט געמיינט, אַז ניט גאָלדמאַן און ניט זײַנע חברים זײַנען מוותר אויף זייער קאָנצעפּציע פון ציוניזם. זיי גייען בלויז אײַן אויף די אָרגאַניזאַציאָנעלע ענדערונגען, פאַר וועלכע די גרויסע מערהייט פון דער באַוועגונג האָט זיך אַרויסגעזאָגט. „פאַר מיר פּערזענלעך האָט דער קאַמף וועגן דער אויסגעברייטערטער ייִדישער אַגענטור געהאַט אַ גרויסע באַדײַטונג" — האָט גאָלדמאַן אַ סך יאָרן שפּעטער געשריבן — „איך האָב געלערנט די וויכטיקייט פון סטאַטוטן און האָב אַנטדעקט, אַז גרויסע רעדעס אויף דער טריבונע

זײַנען אין פּאָליטישע געשעענישן אַ סך װײניקער אַנטשײדנדיק, װי רו־קע אַרגומענטן אױף פּריװאַטע באַראַטונגען פון קאָמיסיעס. דאָס איז געװען מײַן ערשטער סעמינאַר װעגן פּראַקטישער, טאָג־טעגלעכער פּאָליטיק".

אין די יאָרן, װען אין די פֿאַרשײדענע אינסטאַנצן און קערפּערשאַפטן פון דער ציוניסטישער װעלט־אָרגאַניזאַציע איז אָנגעגאַנגען דער קאַמף װעגן דעם פּלאַן פון דער אױסגעברײטערטער ייִדישער אַגענטור, אין װעלכן נחום גאָלד־מאַן האָט געשפּילט אַ פּראָמינענטע ראָלע, איז ער געװען שטאַרק פֿאַרנומען מיט אַ װיכטיקן פּראָיעקט, װעלכן יעקב קליאַצקין און ער האָבן אונטערגע־נומען. דאָס איז געװען די פֿאַרװירקלעכונג פון דער אידעע אַרױסצוגעבן אין בערלין אַ גרױסע מאָדערנע ייִדישע ענציקלאָפּעדיע, אין אָנהײב אין דער דײַ־



מיט זײַן פֿרײַנד יעקב קלאַצקין

טשישער שפּראַך און דערנאָך אױך אין העברעיש און ענגליש. בײדע, קליאַצקין און גאָלדמאַן, זײַנען צוגעטראָטן צו דעם גרױסן פּלאַן מיט אַ באַדײַטנדיקער װיסנשאַפטלעכער קאָמפּעטענץ, אָבער אָן קײן שום מאַטעריעלע מיטלען, װאָס זײ האָבן אַלײן ערשט געדאַרפט שאַפן. פֿאַר דעם צװעק האָבן זײ זיך אַװעק־געלאָזט קײן אַמעריקע. מיט דער האָפענונג צו געװינען מעצענאַטן צװישן די רײַכע ייִדן אין די פֿאַראײניקטע שטאַטן. דאָס איז געװען גאָלדמאַנס ערשטער װיזיט אין דער נײַער װעלט, װאָס האָט באַרײַכערט זײַנע דערפֿאַרונגען, אָבער

איז ניט געווען קיין פינאַנציעלער דערפאָלג. זיי זײַנען צוריקגעפאָרן פון אַמע־ריקע כמעט מיט ליידיקע הענט, און עס האָט שוין געהאַלטן דערבײַ, אַז זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן פון דעם גאַנצן פּלאַן.

אָבער גאָלדמאַנען האָט זיך אײַנגעגעבן צו געווינען פאַר דעם געדאַנק דעם דעמאָלט פּראָמינענטן ייִדישן באַנקיר אין דײַטשלאַנד, יעקב גאָלדשמידט, און צו פאַרזיכערן דורך אים די נייטיקע מאַטעריעלע באַזע אויף אַ ריי יאָרן אַרויסצוגעבן די ייִדישע ענציקלאָפּעדיע. אויך דאָס איז געווען פאַר אים דער ערשטער פּרווו אויף אַ געביט, וואָס איז ביז דעמאָלט געווען פאַר אים פרעמד: צו פאַראינטערעסירן פאַרמעגלעכע ייִדן פון אַנדערע, דערווײַטערטע קרײַזן, פאַר אַן אידעע, וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט ייִדישער וויסנשאַפט, ייִדישן גײַסט און — סוף־כל־סוף — מיט ייִדישן נאַציאָנאַלן רענעסאַנס. פאַר דער דאָזיקער טעטיקייט, מיט וועלכער עס איז אים אויסגעקומען אין די שפּעטער־דיקע יאָרן אָפט אָפּצוגעבן זיך, האָט גאָלדמאַן אַנטוויקלט זײַן אייגענעם סטיל פון איבערצײַגן און באַאײַנפלוסן, וואָס איז אים אויך צו נוץ געקומען אין דער פּאָליטישער אַרבעט.

כדי אַרויסצוגעבן די „ענציקלאָפּעדיאַ יודאַיִקאַ“ האָבן קליאַצקין און גאָלדמאַן גרופּירט אַרום זיך אַ גאַנצע ריי אָנגעזעענע ייִדישע געלערנטע. דער פאַרלאַג און די רעדאַקציע פון דער ענציקלאָפּעדיע זײַנען געוואָרן אַ חשובער ייִדישער קולטור־צענטער אין בערלין. די אַרבעט איז אָנגעגאַנגען אינטענסיוו, און מען האָט שוין געהאַט אַרויסגעגעבן צען בענד אין דײַטש און צוויי אין העברעיִש. די גאַנצע אונטערנעמונג איז איבערגעריסן געוואָרן און באַלד דערנאָך אויך ליקווידירט געוואָרן, ווען היטלער איז געקומען צו דער מאַכט און פאַר קליאַצקינען און גאָלדמאַנען איז געוואָרן אַ סכנה צו בלײַבן אין דײַטשלאַנד. די נאַציס האָבן צעשטערט דעם פאַרלאַג, מיט די איבער פערציק טויזנט נאָך ניט פאַרקויפטע עקזעמפּליאַרן פון דער ענציקלאָפּעדיע.

נאָך דער מלחמה האָט זיך גאָלדמאַנען אײַנגעגעבן צו באַנײַען דעם פּלאַן, און מיט דער הילף און מיטאַרבעט פון אַנדערע, וועלכע ער האָט צוגעצויגן צו דער אונטערנעמונג, איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין ישראל, אין ענגליש, די „ענציקלאָפּעדיאַ יודאַיִקאַ“ אין פופצן בענד. מען באַמיט זיך איצט, אַז די ענציקלאָפּעדיע זאָל דערשײַנען אויך אין העברעיִש.

בײַ דער אַרבעט פון רעדאַקטירן און אַרויסגעבן די ענציקלאָפּעדיע, מיט וועלכער ער האָט זיך אָפּגעגעבן אין די יאָרן פון 1925 ביז 1933, איז גאָלדמאַן געקומען אין קאָנטאַקט מיט די פירנדיקע ייִדישע פּערזענלעכקייטן אין דײַטש־לאַנד — מיט אַלבערט אײַנשטיינען בראש — און אויך מיט פּראָמינענטע ייִדישע און ניט־ייִדישע פיגורן אין דער ברייטער וועלט. אויך די אַרבעט

פאַר דער ענציקלאָפּעדיע איז פאַר גאָלדמאַנען געווען אַן אָרײַנגאַנג אין דער גרויסער וועלט, אין וועלכער ער איז שפּעטער געוואָרן אַזוי היימיש, דורך זײַן פּאָליטישער טעטיקייט פאַרן ציוניזם, פאַר מדינת ישראל און פאַר די פּראָבלעמען פון וועלט־ייִדנטום.

7

גאָלדמאַן קעגן ווייצמאַנען

בײַם ציוניסטישן קאָנגרעס פון 1929, אין ציריך, האָט נחום גאָלדמאַן פאַרפירט זײַן ערשטן קאַמף אַרום אַן אינעווייניקסטער פּראָבלעם פון דער באַוועגונג. און שוין בײַם נאָענטסטן קאָנגרעס, אין 1931 אין באַזעל, איז אים אויסגעקומען צו שפּילן אַ הויפּטראָל אין דער דעבאַטע און אין דעם באַשלוס וועגן אַן עיקר־פראַגע פון ציוניסטישער אויסערן־פּאָליטיק — אַ קאַמף, וואָס האָט דערפירט צו דער רעזיגנאַציע פון ד״ר חיים ווייצמאַנען פון פּרעזידענט־אַמט.

שוין פריִער איז גאָלדמאַן געווען אַ מיטגליד פון דער פּאָליטישער קאָמיסיע פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט. און אין דעם שווערן פּאָליטישן קריזיס, ווינטער 1930—1931, איבער דער גזירה פון „ווײַסן פּאַפּיר" פון דער ענגלישער מאַנדאַט־רעגירונג — וואָס האָט דאַן געהאַט פּאַראָרדנט צו רעדוצירן שטאַרק די עליה קיין ארץ־ישראל און האָט אָוועקגענומען נאָך אַנדערע רעכט און מעגלעכקייטן פאַר דעם אויפבוי פון דער ייִדישער נאַציאָנאַלער היים — איז גאָלדמאַן געווען באַטייליקט אין דער ספּעציעל באַשטימטער קאָמיסיע, וואָס האָט פאַרהאַנדלט אין לאָנדאָן וועגן אָפּשאַפן די באַגרענעצונגען. ווי אַ פּועל־יוצא פון די פאַרהאַנדלונגען, וואָס זײַנען צוגעגאַנגען זייער שווער, האָט דער פּרעמיער פון דער דעמאָלטיקער לייבאָר־רעגירונג, ראַמזיי מעקדאָנאַלד, געשיקט צו ווייצמאַנען אַ בריוו, אין וועלכן די מערסטע פון די באַגרענעצונגען אין דעם „ווײַסן פּאַפּיר" זײַנען צוריקגערופן געוואָרן. און עס איז אײַנגעשטעלט געוואָרן אַ נאָרמע פון עליה קיין ארץ־ישראל אויף אַ ריי יאָרן.

אָבער ווי אַ קאָנסעקווענץ פון דעם שווערן קריזיס האָט גאָלדמאַן, מיט

אַ גרופּע אַנדערע פּאָליטישע טוערס אין דער באַוועגונג, איינגעזען אַז איבער די פאַרשאַרפטע באַציִונגען מיט דער ענגלישער מאַנדאַט־רעגירונג, און ווײַל עס דאַרף אָנגענומען ווערן אַן אַנדערע שטעלונג אין דער האַנדלונג פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אין לאָנדאָן, איז נייטיק אַז ווייצמאַן זאָל זיך צו־ריקציִען פון פּרעזידענט־אַמט אויף אַ געוויסער צײַט, לכל הפּחות אויף דעם צווייייעריקן טערמין צווישן די ציוניסטישע קאָנגרעסן אין 1931 און 1933 (די ציוניסטישע קאָנגרעסן פלעגן דעמאָלט אָפּגעהאַלטן ווערן רעגולער יעדע צוויי יאָר). ווייצמאַן אַליין האָט אויך איינגעזען די דאָזיקע נויטווענדיקייט, און גאָלדמאַן האָט שוין געהאַט מיט אים וועגן דעם אַ פרײַנדלעכע פאַר־שטענדיקונג. אָבער ווען דער 17טער ציוניסטישער קאָנגרעס האָט זיך פאַר־זאַמלט אין באַזעל, אין יולי 1931, איז ווייצמאַן ניט געווען געניגט צו מאַכן דעם שריט.

דער קריזיס אַרום „ווײַסן פּאַפּיר" — באַקאַנט ווי פּאַספילדס ווײַס בוך — האָט געפונען אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג אין דער פּאָליטישער דעבאַטע בײַם קאָנגרעס. באַזונדערס איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן די פאָדערונג אָנצופירן אַ קאַמף פאַר אַ גרויסער עליה קיין ארץ־ישׂראל און אָנצונעמען אַן אַגרעסיווע ליניע קעגן דער ענגלישער מאַנדאַט־רעגירונג, וואָס האָט שוין דאַן אָנגעהויבן נאָכצוגעבן דעם דרוק פון די אַראַבער צו באַגרענעצן די רעכט פון דער ייִדי־שער נאַציאָנאַלער היים. אין פאַרלויף פון דער דעבאַטע, וואָס האָט אָנגענו־מען אַ שאַרפן כאַראַקטער, איז די רעוויזיאָניסטישע פּאַרטיי, אונטער דער אָנפירונג פון זאב זשאַבאָטינסקין, אַרויסגעקומען מיט אַ מאַקסימאַלער פּראָ־גראַם, פאַרלאַנגענדיק אַז דער קאָנגרעס זאָל דערקלערן, אַז דער ציל פון ציוניזם איז צו שאַפן די ייִדישע מדינה אויף ביידע זײַטן ירדן. אין היץ פון דער דעבאַטע איז צוגעקומען אַ געשעעניש, אַז ווייצמאַן האָט אין אַ פּרעסע־אינטערוויו, אין די טעג פון קאָנגרעס, זיך אויסגעדריקט: „איך האָב ניט איצט קיין סך סימפּאַטיע פאַר דער פאָדערונג וועגן אַ ייִדישער מערהייט אין ארץ־ישׂראל. דאָס קאָן בלויז אויסגעטײַטשט ווערן דורך דער וועלט, אַז מיר ווילן פאַרטרײַבן די אַראַבער פון לאַנד".

די דאָזיקע דערקלערונג האָט אַרויסגערופן שאַרפע פּראָטעסטן בײַם קאָנ־גרעס, און האָט דערפירט דערצו, אַז די פּאָליטישע קאָמיסיע איז אינסטרויִרט געוואָרן צוצוגרייטן אַ רעזאָלוציע וועגן די צילן פון ציוניזם, און זי ברענגען צו דער פּלענאַרער סעסיע פאַר אַ באַשלוס. גאָלדמאַן איז אויסגעקליבן גע־וואָרן ווי דער פאָרזיצער פון דער ספּעציעלער סוב־קאָמיסיע צו פאָרמולירן די רעזאָלוציע. נאָך לאַנגע פאַרהאַנדלונגען איז אויסגעאַרבעט געוואָרן דער טעקסט פון דער רעזאָלוציע, און מען האָט פאָרגעשלאָגן ווייצמאַנען, אַז ער

זאָל זי אָננעמען און דערמיט זיך אויך צוריקציִען פון זײַן פּרעסע־דערקלערונג. וויצמאַן איז אויף דעם ניט אײַנגעגאַנגען. די מערהייט פון דער פּאָליטישער קאָמיסיע האָט דאַן באַשלאָסן פאָרצושלאָגן אַ רעזאָלוציע, לויט וועלכער דער קאָנגרעס האָט אויסגעדריקט באַדויער איבער ד״ר וויצמאַנס פּרעסע־דערקלערונג און באַטראַכט פאַר ניט־צופרידנשטעלנדיק דעם ענטפער, וואָס ער האָט געהאַט געגעבן פריִער אויף אַן אינטערפּעלאַציע וועגן דעם עניין. פאַקטיש האָט דאָס געמיינט, אַז דאָס אָננעמען די רעזאָלוציע דאַרף אומפאַרמײַדלעך פירן צו ד״ר וויצמאַנס רעזיגנאַציע.

גאָלדמאַן האָט ביזן לעצטן מאָמענט געפּרוווט ווירקן אויף וויצמאַנען, אַז ער זאָל אַליין זיך צוריקציִען פון פּרעזידענט־אַמט, בכדי ניט צו דאַרפן שטעלן די רעזאָלוציע צו דער אָפּשטימונג פון קאָנגרעס. אָבער וויצמאַן איז אויף דעם ניט אײַנגעגאַנגען. נאָך אַ דראַמאַטישער דעבאַטע צווישן ד״ר גאָלדמאַנען און ד״ר חיים אַרלאָזאָראָוון, וועלכער האָט פאַרטיידיקט וויצמאַנען, איז די רעזאָלוציע אָנגענומען געוואָרן מיט אַ מערהייט פון 123 שטימען קעגן 106. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז אויף וויצמאַנס אָרט איז נחום סאָקאָלאָוו אויסגעקליבן געוואָרן ווי דער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע פאַר די נאָענטסטע צוויי יאָר.

אַזוי אַרום האָט גאָלדמאַנס ערשטער גרויסער שריט אין דער ציוניסטישער אויסערן־פּאָליטיק געבראַכט זייער ערנסטע קאָנסעקווענצן. אין די ווײַטערדיקע יאָרן איז ער ניט איין מאָל געווען אין צענטער פון שווערע און גורלדיקע קאַמפן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג.

8

גרינדונג פון ייִדישן וועלטקאָנגרעס

נאָכן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל אין 1931, און ווי אַ רעזולטאַט פון זײַן ראָלע אויפן קאָנגרעס, איז נחום גאָלדמאַן אײַנגעלאַדן געוואָרן דורך די אַמעריקאַנער ציוניסטן צו קומען צוזאַמען מיט דעם נײַגעווילטן פּרעזידענט נחום סאָקאָלאָוו אויף אַ באַזוך אין די פאַראייניקטע שטאַטן; פאַרן קאַמפּיין לטובת „קרן היסוד“. די נסיעה, בעת וועלכער ער איז צום ערשטן מאָל אַרויס־

געטראָטן מיט רעדעס אין פיל שטעט איבערן לאַנד, האָט געהאַט פאַר גאָלד־מאַנען אַ באַזונדערע באַדײַטונג אויך צוליב דעם, וואָס ער איז דאַן נאָענט באַפרײַנדט געוואָרן מיט ד״ר סטיפען ס. ווײַז, דעם פּראָמינענטסטן און אײַנפלוסרײַכסטן פירער פון אַמעריקאַנער ייִדנטום אין פאַרלויף פון צענדליגער יאָרן. די באַקאַנטשאַפט מיט ד״ר ווײַז האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פון גאָלדמאַנס פּאָליטישער קאַריערע און האָט אים געפירט צו ווערן דער מיטגרינדער פון ייִדישן וועלטקאָנגרעס, וועלכער איז אונטער זײַן פּרעזידענטשאַפט, זינט העכער צוויי צענדליג יאָר, אויסגעוואַקסן צו דער גרעסטער און רעפּרעזענטאַטיווסטער פאַראייניקטער אָרגאַניזאַציע פון וועלט־ייִדנטום.

ד״ר סטיפען ווײַז, וועלכער איז אין דער ערשטער וועלט־מלחמה געווען דער הויפּט־איניציאַטאָר און גרינדער פון אַמעריקאַנער ייִדישן קאָנגרעס, וואָס האָט געשפּילט אַ היסטאָרישע ראָלע אין דורכפירן בײַ דער שלום־קאָנפערענץ אין ווערסײַ די רעכט פון אַ נאַציאָנאַלער מינדערהייט פאַר די ייִדישע ישובים אין די דעמאָלט נײַ־אַנטשטאַנענע מדינות אין מזרח־איראָפּע, האָט זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק צו אָרגאַניזירן אַ ייִדישן וועלטקאָנגרעס פאַר דער פאַרטיידיקונג פון די רעכט פון ייִדן אומעטום, ווו זיי ווערן באַדראָט. דער גרויסער אַמעריקאַנער ייִדישער פירער און אומדערשראָקענער קעמפער פאַר ייִדישע רעכט האָט באַזונדערס אײַנגעזען די דאָזיקע נויטווענדיקייט אין אָנהייב פון די דרײַסיקער יאָרן, ווען די געפאַר פון היטלערן און נאַציזם האָט זיך שוין אָנגערוקט אויף דײַטשלאַנד און אויף גאַנץ איראָפּע. סטיפען ווײַז האָט זיך דאַן געווענדט צו נחום גאָלדמאַנען, אַז זיי זאָלן צוזאַמען צוטרעטן צו שאַפן די דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע פון וועלט־ייִדנטום צו באַשיצן די ייִדישע רעכט.

סטיפען ווײַז האָט ניט געדאַרפט מאַכן קיין סך אָנשטרענגונגען צו איבערצײַגן נחום גאָלדמאַנען אין דער וויכטיקייט פון דעם ציל. דאָס באַשיצן די תפוצות פון דער סכנה פאַר זייער קיום ווי ייִדן איז פון אָנהייב אָן געווען אַ גרינטלעכער עיקר פון גאָלדמאַנס באַנעם פון דער ציוניסטישער אידעע. און ווען ווײַז איז געקומען צו גאָלדמאַנען מיט זײַן פאָרשלאָג צו גרינדן דעם ייִדישן וועלטקאָנגרעס, איז די דאָזיקע אויפגאַבע געווען אַ לעבנס־וויכטיקע און דרינגענדיקע. „דאָס וואָס האָט מיך באַוויגן אָוועקצוגעבן מײַן ענערגיע פאַר דער גרינדונג פון ייִדישן וועלטקאָנגרעס נאָך דעם, ווי סטיפען ווײַז האָט מיך אַרײַנגעצויגן אין דער דאָזיקער אַרבעט, איז געווען די דעמאָלטיקע היסטאָרישע לאַגע״ — שרײַבט גאָלדמאַן אין זײַנע מעמואַרן — „פון אָנהייב אָן בין איך געווען איינער פון די — לײדער אַ מינדערהייט — וועלכע האָבן

זיך באַצויגן זייער ערנסט צו דער דערשײַנונג פון היטלערן אויף דער אַרענע אין דײַטשלאַנד. די מערסטע יידן אין דײַטשלאַנד און אין אַנדערע לענדער האָבן ניט פאַרמאָגט די נייטיקע ווײַטזיכטיקייט אָנצונעמען, אַז אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט קאָן אַנטשטיין אַזאַ בעסטיאַלישער אַנטיסעמיטיזם, ווי דער נאַצישער. זיי האָבן באַטראַכט היטלערן פאַר אַ פאַרבײַגייענדיקער פיגור. און באַזונדערס האָבן די דײַטשישע יידן, שטיצנדיק זיך אויף זייערע עקאָנאָמישע און קולטורעלע פּאָזיציעס אין דער ווײַמאַר־רעפּובליק, זיך אָפּגעזאָגט צו אָנערקענען די געפאַר, וואָס היטלער האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט. אין 1932 און אין 1933 האָבן סטיפען ווײַז און איך געוואָרנט וועגן דעם דאָס וועלט־יידנטום, און ספּעציעל די דײַטשישע יידן. מען האָט פון אונדז אָפּגעלאַכט און אונדז אָנגערופן פּאַניק־מאַכערס און אַלאַרמיסטן. ווען יידן וואָלטן זיך באַצויגן ערנסטער צו דער היטלעריסטישער געפאַר פון אָנהייב אָן, וואָלט מען געקאָנט ראַטעווען הונדערטער טויזנטער און אפשר מיליאָנען יידישע נפשות. איך זאָג ניט, אַז איך זאָל האָבן פאָרויסגעזען דאַכאַו און אוישוויץ. אַזוי ווײַט האָב איך זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן. אָבער איך האָב זיך אָפּגעגעבן אַ רעכענונג, אַז עס גרייט זיך אַ גרויסע און שווידערלעכע אַטאַקע אויפן גאַנצן יידישן פאָלק. און שוין דערפאַר אַליין האָב איך געהאַלטן, אַז עס איז געקומען דער מאָמענט צו שאַפן אַ וועלט־אָרגאַניזאַציע פון יידן".

צוריקקומענדיק קיין אייראָפּע, האָט גאָלדמאַן זיך גענומען צו די צוגרייטונגען צו פאַררופן די ערשטע פאַרקאָנפערענץ מיטן ציל צו גרינדן דעם יידישן וועלטקאָנגרעס. דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע שוועריקייטן, ווײַל אַ טייל אײַנפלוסרײַכע יידישע קרײַזן האָבן זיך נאָך אַלץ אָפּגעזאָגט צוצושטיין צו דער אידעע פון גרינדן אַ דעמאָקראַטישע יידישע וועלט־אָרגאַניזאַציע צו קעמפן פאַר יידישע רעכט. גאָלדמאַן האָט באַקומען די פולע קאָאָפּעראַציע פון די מזרח־אייראָפּעישע יידישע פירערס, באַזונדערס פון די ציוניסטן. אין דײַטשלאַנד האָט זיך אים אײַנגעגעבן צוצוציִען בלויז אַ קליינע גרופּע ציוניסטן. אַ גרויסע מערהייט פון די דײַטשע ציוניסטן האָט ווײַט ניט אָפּגעשאַצט די וויכטיקייט פון פּאָליטישער אַרבעט פאַר די תפוצות. די הויפּט־שוועריקייטן זײַנען געווען אין ענגלאַנד און אין פראַנקרײַך, בײַ דער דאָרטיקער אָפיציעלער יידישער פירערשאַפט. אין ארץ־ישראל האָבן מיטן געדאַנק פון גרינדן דעם יידישן וועלטקאָנגרעס זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מנחם אוסישקין, יוסף שפּרינצאַק, בן־ציון מאָסינזאָן און עטלעכע אַנדערע פירערס פון ישוב. אָבער דוד בן־גוריון און ד"ר חיים אַרלאָזאָראָוו זײַנען געשטאַנען פון דער ווײַטנס.

ניט געקוקט אויף די אַלע שוועריקייטן, האָט זיך גאָלדמאַנען אײַנגעגעבן

צונויפצורופן אין אויגוסט 1932, אין זשענעווע, אַ שטאַרק רעפּרעזענטאַטיווע וועלט־קאָנפערענץ צו אָרגאַניזירן דעם יידישן וועלטקאָנגרעס. נאָכן באַהאַנדלען דעם דעמאָלט שווערן און מסוכנעם מצב פון אַ ריי יידישע ישובים, איז אויף דער קאָנפערענץ געווילט געוואָרן אַ קאָמיטעט וועלכער האָט געדאַרפט מאַכן די צוגרייטונגען מיסד צו זײַן דעם יידישן וועלטקאָנגרעס. אָבער ווידער אַ מאָל זײַנען אַנטשטאַנען שוועריקייטן איבער דער וואַקלעניש פון אַ ריי יידישע פירער. און ערשט נאָך אַ זייער אָנגעשטרענגטער און אינטענסיווער צוגרייטונגס־אַרבעט איז די גרינדונג פון יידישן וועלטקאָנגרעס צו שטאַנד געקומען זומער 1936.

עס איז געווען אַ היסטאָריש געשעעניש פון גרויסער באַדײַטונג, ווען יידישע פאָרשטייערס פון דער גאָרער וועלט, הונדערטער דעלעגאַטן פון פיל צענדליגער ישובים אין אַלע וועלטטיילן, האָבן אין אויגוסט 1936 זיך פאַרזאַמלט אין זשענעווע און פּראָקלאַמירט די גרינדונג פון דעמאָקראַטיש־אויסגעקליבענעם יידישן וועלטקאָנגרעס פאַר דעם קאַמף פאַר יידישע רעכט. פון דער טריבונע אין זשענעווע האָט זיך געהערט שטאַרק און אָפּגעהילכט ווײַט און ברייט די שטים פון וועלט־יידנטום אין יענעם מאָמענט, וואָס איז געווען איינער פון די קריטישסטע אין דער מאָדערנער יידישער געשיכטע, ווען יידן אין אייראָפּע האָבן — אַ טייל מיט דער געהעריקער קלאָרקייט, אָבער די גרויסע מערהייט ניט אָפּגעבנדיק זיך קיין פולע רעכענונג — שוין געהאַט דאָס פאָרגעפיל פון דער אָנקומענדיקער קאַטאַסטראָפע.

די גרויסע און טיפע ערנסטקייט פון דער לאַגע; די מוראדיקע געפאַר, וואָס זי האָט געבראַכט מיט זיך; און די גורלדיקע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס איז אין דעם זייער קריטישן מאָמענט געלעגן אויף דער יידישער פירערשאַפט — זײַנען אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין דער פּראָגראַם־רעדע, מיט וועלכער נחום גאָלדמאַן איז אַרויסגעטראָטן בײַ דער דערעפענונג פון קאָנגרעס. די דאָזיקע רעדע גאָלדמאַנס איז געווען איינע פון די גרעסטע און וויכטיקסטע, וואָס ער האָט געהאַלטן אין אַלע יאָרן פון זײַן פּאָליטישער אַרבעט, און לייענט זיך ביזן הײַנטיקן טאָג, ווי די היסטאָרישע רעדעס פון ד״ר מאַקס נאָרדוי בײַ די ערשטע ציוניסטישע קאָנגרעסן וועגן דער לאַגע פון וועלט־יידנטום:

„אַלץ, וואָס איז איצט אין דער וועלט — טאָטאַלער שטאַט, ראַסן־משוגעת, גוואַלד־פּאָליטיק, אומבאַגרענעצטע מאַכט פון אַ פּאָליטישן רעזשים, אַלץ איינס פון וועלכער באַפּאַרבונג — איז געווענדט קעגן אונדז״ — האָט נחום גאָלדמאַן אויסגעפירט אין דער רעדע, וועלכע יידישע היסטאָריקער וועלן נאָך לאַנג, לאַנג ציטירן. — „אַלץ איז געווענדט קעגן אונדז, ווײַל מיר זײַנען אַ מינאָריטעט, ווײַל מיר זײַנען די שוואַכסטע פון אַלע מינאָריטעטן אומעטום, אין

יעדן לאַנד. מיר לײַדן ניט בלויז ווי אַ מינאָריטעט, נאָר אויך ווי ייִדן, איבער דער אומנאָרמאַלקייט פון אונדזער לאַגע. דאָס פאַרשטאַרקט נאָך און פאַר־גרעסערט אונדזער טראַגעדיע. אומעטום, ווו אַ לאַנד הייבט־אָן אונטערדריקן מינאָריטעטן, זײַנען מיר קודם־כל די קרבנות. אומעטום, ווו די רעכט פון מענטשן ווערן געטראָטן מיט די פיס, טרעפט דער רעזשים פון רעכטלאָזיקייט קודם־כל אונדז. און אומעטום, ווו עס ווערן בײַ אַן אויפגעהעצטער דעמאַגאָ־ליזירטער מאַסע געוועקט די ברוטאַלע אינסטינקטן, איז די ערשטע אויסדרוק־פאָרעם פון דער דאָזיקער דערשײַנונג: „יודאַ פערעקע".

„דער סך־הכל פון דעם אַלעם" — האָט ד״ר גאָלדמאַן ווײַטער אויסגע־פירט — איז, אַז אין אייראָפּע עקסיסטירט הײַנט צו טאָג אַ ייִדן־פּראָבלעם, וואָס איז שוין ניט געווען זינט פיל יאָרהונדערטער, אין אַזאַ מאָס און מיט אַזאַ שאַרפקייט — — — עס איז שוין הײַנט ניט מער אַ קאַמף פאַר מינאָרי־טעטן־רעכט. עס איז שוין באַלד ניט קיין קאַמף פאַר בירגערלעכער גלײַכ־באַרעכטיקונג. עס ווערט אַלץ מער און מער אַ פּרימיטיווע פראַגע פון פיזישער עקסיסטענץ, אין עלעמענטאַרן זינען פון דעם וואָרט".

„אונדזער פליכט איז — מיט דער גאַנצער אינטענסיווקייט, אויף וועלכער מיר זײַנען נאָר פעיִק, און מיט דער פולער באַטאָנונג, וואָס מיר קאָנען נאָר דערגרייכן — צו ציִען די אויפמערקזאַמקייט פון דער וועלט אויף דער ייִדן־פראַגע פון הײַנט, אויף דעם פאַקט אַז מיליאָנען ייִדן האָבן שוין ניט מער דעם מינימום פאַר זייער עקסיסטענץ; אַז אין צענטער פון אייראָפּע ווערט אין יאָר 1936 געשאַפן די דאָזיקע נײַע קאַסטע פון פאַריער. אין האַרץ פון איי־ראָפּע לעבן הײַנט צו טאָג מיליאָנען ייִדן דאָס לעבן פון אַרויסגעשטויסענע און פאַרפאָלגטע פאַריער. און די וועלט וויל אונדז ניט הערן רעדן וועגן אונד־זערע ליידן. אָבער מיר אַלייך טאָרן ניט שווײַגן".

און גאָלדמאַן איז דאַן איבערגעגאַנגען, אין זײַן רעדע, צו שילדערן אין דער שאַרפסטער און בולטסטער פאָרעם די בעסטיאַלישע פאַרפאָלגונגען קעגן ייִדן אין נאַצי־דײַטשלאַנד און דעם וואַקסנדיקן נאַצישן אַנטיסעמיטיזם אין די שכנותדיקע לענדער. ער האָט אויך שאַרף פּראָטעסטירט קעגן דער באַהאַנד־לונג פון ייִדן אין סאָוועט־רוסלאַנד, דערקלערנדיק: „הונדערטער ציוניסטן זײַ־נען איצט פאַרשפאַרט אין די סאָוועטישע טורמעס און קאָנצענטראַציע־לאַגערן נאָר דערפאַר, ווײַל זיי זײַנען ציוניסטן. אין סאָוועט־רוסלאַנד, ווו עס ווערן אויסגעגעבן מיליאָנען רובל פאַר אויפלעבן פאַרגעסענע שפּראַכן פון וועלכע עס איז שטאַמען אין סיביר אָבער אין טורקעסטאַן, איז די העברעיִשע שפּראַך און ליטעראַטור פּאַקטיש פאַרבאָטן. און ייִדן אין רוסלאַנד, וועלכע קאָנען ניט

און ווילן ניט צופּאַסן זיך צו די דאָזיקע באַדינגונגען, באַקומען ניט די דער־לויבעניש אויסצוּוואַנדערן קיין ארץ־ישראל, אָדער אין אַנדערע לענדער".

מיט די דאָזיקע שאַרפֿע באַשולדיקונגען איז נחום גאָלדמאַן אַרויסגעקומען קעגן דער דעמאָלטיקער וועלט. מיט טיפֿער קלאָרקייט, אַנטשלאָסנקייט, מוט און אומגעהײַערער ווײַטזעיִקייט האָט ער געוואָרנט פֿאַר דער ייִדישער און ניט־ייִדישער וועלט, פֿון דער טריבונע פֿון נאָר וואָס געשאַפֿענעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס אין 1936. און ער האָט גערופֿן ייִדן ניט צו שווײַגן נאָר הויך אויס־צושרײַען וועגן זייערע לײַדן און וועגן די רדיפות קעגן זיי און אַרויסצוגיין אין אַ פֿאַראייניקטן קאַמף קעגן די פֿײַניקערס, אין דער ערשטער ריי קעגן נאַצי־דײַטשלאַנד.

„אונדזער שטעלונג אין ייִדישן וועלטקאָנגרעס איז געווען — האָט ד"ר גאָלדמאַן שפּעטער אויסגעפֿירט — „אַז דאָס ייִדישע פֿאָלק דאַרף אַריבערגיין צו אַ גרויסער אַטאַקע אין 1936 קעגן נאַציזם און היטלעריזם, און ניט בלויז פֿאַרטיידיקן זיך. אָבער אײַנפֿלוסרײַכע טיילן פֿון ייִדישן פֿאָלק, וואָס זײַנען געשטאַנען מחוץ דעם ייִדישן וועלטקאָנגרעס, האָבן ליידער ניט אײַנגעשטימט אָנצונעמען אַזאַ ליניע. די פֿון אונדז, וועלכע האָבן די גאַנצע צײַט ניט אויפֿ־געהערט צו אַגיטירן פֿאַר אַן אָפֿענסיווע, און קודם־כּל אָט דער גרויסער און אומדערשראָקענער פֿירער פֿון זײַן פֿאָלק, סטיפֿען ווײַז, זײַנען געבליבן איזאָ־לירט. און אַ יאָר נאָך אַ יאָר זײַנען מיר מיט וואַקסנדיקער פֿאַרביטערונג און שוידער געווען געצוווּנגען צו זען, ווי היטלער ברייטערט־אויס און פֿאַר־שטאַרקט זײַנע אַטאַקעס קעגן ייִדישן פֿאָלק און גרייט־צו דעם גרעסטן ייִדן־אויסמאָרד אין אונדזער געשיכטע, אָן דעם אַז דאָס וועלט־ייִדנטום זאָל באַ־צײַטנס שטעלן אַ פֿאַראייניקטן אָרגאַניזירטן ווידערשטאַנד אין אַן אַנטשלאָ־סענעם אַקטיוון קאַמף".

9

אַ „דיפּלאָמאַט אָן אַ פּאַספּאָרט"

די ווײַטערדיקע אַנטוויקלונגען האָבן צוגעאײַלט נחום גאָלדמאַנס איבער־נעמען אַ גרעסערע ראָלע בײַם אָנפֿירן מיט דער פּאָליטישער אַרבעט, סײַ אַרום די וואָס אַ מאָל קאָמפּליצירטערע און שווערערע ענינים פֿון ציוניזם

און ארץ־ישראל, סײַ אַרום די זייער פֿאַרשאַרפֿטע פּראָבלעמען פֿון וועלט־ייִדנטום.

סוף מאַרץ 1933 האָט גאָלדמאַן — כּמעט אין לעצטן מאָמענט, ווען זײַן לעבן איז שוין געשטאַנען אין סכּנה, — פֿאַרלאָזט בערלין. ווען ער איז שוין געהאַט אַרויסגעפֿאָרן פֿון דײַטשלאַנד, האָט ער זיך דערוווּסט, אַז די „געשטאַ־פּאָ" האָט זיך אַרײַנגעריסן אין זײַן ביוראָ פֿון דער ייִדישער ענציקלאָפּעדיע אין בערלין און אין זײַן וווינונג, וואָס ער האָט געהאַט אין דעם זעלבן הויז — און האָט איבערגעוואָרפֿן אַלע דאָקומענטן און ביכער, אַוועקנעמענדיק דעם גרעסטן טייל פֿון די מאַטעריאַלן. ווען זיי וואָלטן געפֿונען גאָלדמאַנען אַליין אין ביוראָ, וואָלטן זיי אים זיכער פֿאַרשלעפּט אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער — ווי די נאַציס האָבן דאַן געטאָן מיט אַ סך ייִדישע פּאָליטישע טוערס, שריפֿטשטעלערס און אינטעלעקטואַלן אין דײַטשלאַנד. מער איז גאָלדמאַן ניט צוריקגעקומען קיין דײַטשלאַנד ביז נאָך דער צעשמעטערונג פֿון היטלעריזם און סוף פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה. שפּעטער, אין 1935, האָט די היט־לער־רעגירונג אין אַן אָפֿיציעלן קאָמוניקאַט געמאָלדן, אַז עס ווערט אָפּגענו־מען בײַ גאָלדמאַנען די דײַטשישע בירגערשאַפֿט. די גאַנצע צײַט האָבן נאַצי־אַגענטן נאָכגעפֿאָלגט גאָלדמאַנס נסיעות און אַקטיוויטעטן אין אַנדערע לענ־דער, און עטלעכע מאָל איז ער געווען אין דער געפֿאַר פֿאַרכאַפּט צו ווערן פֿון געשטאַפּאָ־עמיסאַרן, ווי דאָס איז אין יענע יאָרן נישט איין מאָל געשען מיט שונאים פֿון דריטן רײַך אין אויסלאַנד.

גאָלדמאַן האָט זיך אַריבערגעקליבן מיט זײַן פֿאַמיליע קיין זשענעווע, וווּ ער האָט דאַן שוין געהאַט איבערגענומען די פֿונקציעס פֿון אָפֿיציעלן פֿאַר־שטייער פֿון דער עקזעקוטיווע פֿון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע און פֿון דער ייִדישער אַגענטור בײַ דער מאַנדאַטן־קאָמיסיע פֿון דער פֿעלקער־ליגע. אין צוגאָב צו דעם האָט ער שפּעטער אויך רעפּרעזענטירט דעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס ווי דער פֿאַרזיצער פֿון דער עקזעקוטיווע — פּרעזידענט איז געווען ד״ר סטיפֿען ווײַז — אין דעם קאַמף, וואָס די נײַ־געשאַפֿענע דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע פֿון וועלט־ייִדנטום האָט אָנגעפֿירט בײַ די פֿאַרשיידענע אינס־טאַנצן פֿון דער פֿעלקער־ליגע פֿאַר די ייִדישע רעכט אין דער נאַצי־פֿאַרסמ־טער אייראָפּע און קעגן די גזירות אויף ייִדן, וואָס זײַנען דאַן אַרויסגעגעבן געוואָרן אין אַ ריי לענדער.

אַזוי איז אין יענע יאָרן — צווישן 1933 און 1940 — ניט געווען כּמעט קיין איין ייִדישע פּאָליטישע פּראָבלעם, סײַ בנוגע ארץ־ישראל און סײַ וועגן ייִדן אין דער וועלט, מיט וועלכער ער זאָל זיך ניט האָבן באַשעפֿטיקט, אינ־טערווענירט און דורכגעפֿירט אַן אַקציע. ער איז פּאַקטיש געוואָרן דער פֿאַר־

שטייער פון ייִדישן פאָלק בײַ דער פעלקער־ליגע אין זשענעווע, וווּ ער האָט אָנגעפירט מיט צוויי ביוראָען — פון דער ייִדישער אַגענטור און פון ייִדישן וועלטקאָנגרעס. זײַן לאַגע און זײַנע פונקציעס אין זשענעווע אין יענע קריטישע און שטורמישע יאָרן האָט נחום גאָלדמאַן שפּעטער כאַראַקטעריזירט אין דער ווײַטערדיקער באַשרײַבונג, וואָס גיט אַן אַלגעמיין בילד פון דער אָנפירונג פון ייִדישער פּאָליטישער אַרבעט אין יענע צײַטן: „ווי אַ ייִדישער פאָרשטייער אין זשענעווע האָב איך זיך געפונען אין אַ משונהדיקער לאַגע. ווי דער רעפּרעזענטאַנט פון דער ייִדישער אַגענטור האָב איך נאָך געהאַט עפּעס אַ מין סטאַטוס, ווײַל דער בריטישער מאַנדאַט פאַר ארץ־ישראל האָט אָפיציעל אָנערקענט די ייִדישע אַגענטור, און איך בין אויף אַ האַלב־אָפיציעלן אופן געווען אַקרעדיטירט בײַ דער מאַנדאַטן־קאָמיסיע פון דער פעלקער־ליגע. אָבער די דאָזיקע פּאָזיציע האָט ניט געמיינט, אַז איך זאָל זײַן אַ דעלעגאַט פון אַ לאַנד. און עס איז שטענדיק געווען אַ פּראָבלעם וועגן דעם, וואָס פאַר אַן אַרײַנגאַנגס־קאַרטע מען זאָל מיר געבן צו די זיצונגען פון דער פעלקער־ליגע. ווי אַ פאָרשטייער פון ייִדישן וועלטקאָנגרעס האָב איך, זעלבסטפאַרשטענדלעך, ניט געהאַט קיין שום אָפיציעלן סטאַטוס און פונקציע. אַזוי אַרום בין איך מיט מײַן אַרבעט געווען אַן אילוסטראַציע פון דער אומנאָרמאַלקייט און פון דער שווערער לאַגע פון דעם, וואָס מען וואָלט געקאָנט אָנרופן ייִדישע דיפּלאָמאַטיע, די דיפּלאָמאַטיע פון אַ פאָלק, וואָס האָט — ביז מדינת ישראל איז געגרינדעט געוואָרן — ניט געהאַט קיין שום אָפיציעלע אָנערקענונג". און ד"ר גאָלדמאַן האָט דערבײַ דערציילט דעם ווײַטערדיקן כאַראַקטעריסטישן עפּיזאָד: „איין מאָל, אויף מײַן וועג פון זשענעווע קיין פּאַריז, האָט אַ פראַנצויזישער גרענעץ־באַאַמטער — וועלכער האָט נאָר וואָס געהאַט דורכגעלאָזט אַן איטאַליענער וואָס איז געפאָרן מיט אַ דיפּלאָמאַטישן פּאַספּאָרט, ניט עפּענענדיק זײַנע וואַליזעס — מיך געפרעגט, צי איך בין אויך אַ דיפּלאָמאַט. מײַן ענטפער: „אַ דיפּלאָמאַט אָן אַ פּאַספּאָרט" — האָט אויסגעזען צו ווירקן אויף אים, און ער האָט דורכגעלאָזט מײַן באַגאַזש אָן קאָנטראָל".

נחום גאָלדמאַן האָט אין זײַן אַרבעט אין זשענעווע אָנגעבונדן אַ קאָנטאַקט מיט די פירנדיקע שטאַטמענער, און עס איז אים אויך אויסגעקומען צו איבערוועבירן אין די אויסערן־מיניסטעריומס פון אַ ריי לענדער און צו פאַרהאַנדלען מיט זיי. ער איז געווען אַן אָפטער באַזוכער אין פאָרעין אָפיס אין לאָנדאָן, אין קעי ד'אָרסעי אין פּאַריז, אין די אויסערן־מיניסטעריומס אין וואַרשע, פּראָג, בוקאַרעשט, קאָפּענהאַגען, בערן. גאָר באַזונדערס האָט זיך דאַן פאַרשאַרפט די לאַגע פון די ייִדן אין פּוילן און רומעניע, וווּ די רעגירונגען האָבן אָנגעהויבן נאָכטאָן דעם בײַשפּיל פון היטלערן. די דאָזיקע לעב־

דער האָבן אויף דער שלום־קאָנפערענץ אין ווערסײַ, נאָכן ערשטן וועלטקריג, אונטערגעשריבן אַן אָפּמאַך וועגן רעכט פאַר ייִדן ווי אַ נאַציאָנאַלע מינדערהייט. אָבער אין סעפּטעמבער 1934 האָט דער פּוילישער אויסערן־מיניסטער יוזעף בעק דערקלערט אויף דער אַלגעמיינער סעסיע פון דער פעלקער־ליגע, אַז פּוילן וועט אָפּשאַפן דעם דאָזיקן אָפּמאַך, און וועט אים דערקלערן פאַר אומגילטיק. ד״ר גאָלדמאַנס אַקציע בײַ די מערב־אייראָפּעיִשע רעגירונגען אַז זיי זאָלן אינטערווענירן קעגן דער דאָזיקער האַנדלונג פון פּוילן, האָט פאַרהיט דערפון, אַז יוזעף בעק זאָל קאָנען דורכפירן זײַן דראָונג. הגם פאַקטיש האָט די פּוילישע רעגירונג ניט דערפילט די פאַרפליכטונגען פון דעם אָפּמאַך.

אַ מער קאָנקרעטן רעזולטאַט האָט געבראַכט גאָלדמאַנס אַקציע קעגן רומעניע, נאָך דעם ווי קעניג קאַראָל האָט באַשטימט דעם עקסטרעמען אַנטיסעמיט אָקטאַוויאַן גאָגאָ ווי דער פּרעמיער־מיניסטער. גאָגאָ האָט, אונטער דער ווירקונג פון דעמאָלטיקן אָנפירער פון ווילדן רומענישן אַנטיסעמיטיזם, קוזאַ, זיך געקליבן אָפּצושאַפן אַלע רעכט פון די ייִדן אין רומעניע און אײַנפירן, לויטן בײַשפּיל פון היטלערן, די נירענבערגער אַנטי־ייִדישע ראַסן־געזעצן. גאָלדמאַן האָט דאַן געווירקט אויף די אויסערן־מיניסטעריומס פון פראַנקרײַך און ענגלאַנד, אַז זיי זאָלן אָננעמען די געהעריקע שאַרפע מיטלען אין דער פעלקער־ליגע קעגן דער גאָגאָ־רעגירונג, פאַר ברעכן די פאַרפליכטונגען פון דעם אָפּמאַך וועגן רעכט פון ייִדן ווי אַ נאַציאָנאַלע מינדערהייט. ד״ר סטיפען ווײַז האָט דורכגעפירט אַזאַ אינטערווענץ בײַ רוזוועלטן. אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פּרעסע האָט מען דאַן געשריבן, אַז דער ייִדישער וועלט־קאָנגרעס, אונטער דער אָנפירונג פון ד״ר גאָלדמאַנען, האָט דערקלערט אַן אָפענעם קריג דער גאָגאָ־רעגירונג. דער רעזולטאַט פון דער קאָנצענטרירטער אַקציע איז געווען, אַז אונטערן דרוק פון דער פעלקער־ליגע און פון די רעגירונגען פון אַמעריקע, ענגלאַנד און פראַנקרײַך, האָט קעניג קאַראָל באַזײַטיקט גאָגאָן פון דעם אַמט פון פּרעמיער־מיניסטער. נאָך דעם ווי גאָגאָ איז געצוווּנגען געוואָרן צו רעזיגנירן, האָט ער, אַרויסגייענדיק פון קעניגלעכן פּאַלאַץ, זיך אויסגעדריקט פאַר די צײַטונגס־קאָרעספּאָנדענטן מיט אַ דראַמאַטישן זשעסט: „ישראל, דו האָסט געזיגט״.

אין זײַן פּאָליטישער אַרבעט אין זשענעווע האָט גאָלדמאַן געהאַט אַן איבערגעגעבענעם און פעיִקן מיטאַרבעטער אין ד״ר געררהאַרדט ריגנערן, איצטיקער גענעראַל־סעקרעטאַר פון ייִדישן וועלטקאָנגרעס.

די שווערסטע פּראָבלעם איז געווען דער קאַמף קעגן היטלעריזם און נאַציזם, וואָס האָט פון דײַטשלאַנד זיך גענומען פאַרשפּרייטן, ווי אַ שוואַרצע

פעסט, איבער גאַנץ אייראָפּע. אין דעם דאָזיקן קאַמף האָבן גאָלדמאַן און זײַנע מיטאַרבעטערס אין זשענעווע אין יידישן וועלטקאָנגרעס, געהאַט ביטערע און שווידערלעכע אַנטוישונגען.

10

פאַרן משפּט פון דער געשיכטע

אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז ד״ר נחום גאָלדמאַן אַרויסגעקומען מיט שווערע פאַרוואָרפן און באַשולדיקונגען קעגן דער האַנדלונג פון יידישן פאָלק און פון דער יידישער פירערשאַפט אין דער היטלער־עפּאָכע, און ער האָט ניט געמאַכט קיין אויסנעם פאַר זיך אַליין. „ניט בלויז, וואָס אונדזער פאָלק און זײַנע פירערס האָבן ניט באַוויזן צו פאַרהיטן פון דעם מאַסן־אויס־מאָרד פון זעקס מיליאָן יידן״ — האָט גאָלדמאַן געשריבן אין זײַן אויטאָביאָ־גראַפיע — „מען קאָן ניט מאַכן קיין שום פאָלק פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זײַנע מפּלות און פעלערן, וואָס זײַנען געשען איבער אומפאַרמײַדלעכע אויסערלעכע אומשטאַנדן. אָבער ווען אַ פאָלק און זײַנע פירער זײַנען אַזוי קורצזיכטיק, אַז זיי זאָגן זיך אָפּ צו גלייבן אין אַ שווידערלעכער קאַטאַסטראָפע, כאָטש מען זעט ממש ווי זי רוקט זיך אָן, אָדער זיי פאַרלייקענען דעם אמת דערפאַר, ווײַל מען האָט מורא פאַר אים — איז דאָס אָן צווייפל אַ סימן פון אומפעיקייט צו וויסן ווי אַזוי צו האַנדלען ווען מען ווערט געשטעלט פאַר פאַקטן. ווי פּײַנ־לעך דאָס זאָל ניט זײַן, מוזן מיר זיך מודה זײַן אין דעם, אַז מיר זײַנען געווען קורצזיכטיק, און אַז דערצו נאָך האָבן מיר אויך מורא געהאַט אין אַלע אונד־זערע אָנשטרענגונגען צו פאַרטיידיקן זיך קעגן די נאַציס. קיין שום גרויסע אַקציע איז ניט אונטערגענומען געוואָרן צו באַקעמפן די בעסטיאַלישע גוואַלד־מעשים פון די נאַציס, ווען זיי זײַנען נאָך געווען שוואַך און ניט זיכער אין זיך״.

און ד״ר גאָלדמאַן איז אין זײַנע באַשולדיקונגען געגאַנגען נאָך ווײַטער: „מיר באַקלאָגן זיך איצט, אַז די ניט־יידישע וועלט האָט ניט אָנגענומען קיין געהעריקע מאָראַלישע און פּאָליטישע שטעלונג קעגן דעם נאַצי־רעזשים, און אָנשטאָט דעם אין פאַרלויף פון אַ ריי יאָרן זיך אַרײַנגעלאָזט אין „אַפּיזמענט״

(באַרויק־פּאָליטיק) און האָט דערפאַר באַצאָלט מיט דער צווייטער וועלט־מלחמה. היסטאָריש איז די דאָזיקע באַשולדיקונג באַרעכטיקט. אָבער ניט ווייניקער באַרעכטיקט איז די באַשולדיקונג, וואָס מיר דאַרפן מאַכן קעגן זיך אַליין, אַז אונדזער פאָלק און זײַנע פירערס זײַנען געווען אַזוי שוואַך און אַזוי ניט־אַנטשלאָסן, אַז מיר האָבן זיך צוגעקוקט בלינד, ווי עס רוקט זיך אָן די גרעסטע קאַטאַסטראָפע אין אונדזער געשיכטע, און מיר האָבן ניט צוגעגרייט קיין געהעריקע פאַרטיידיקונג. מיר מוזן שטיין פאַרן משפט פון דער געשיכטע ניט נאָר ווי אַ דור, וועלכער איז פאַראורטיילט געוואָרן צו זען ווי אַ דריטל פון אונדזער פאָלק איז אומגעבראַכט געוואָרן, נאָר אויך ווי שולדיקע אין דעם, אַז מיר האָבן דאָס אויפגענומען אָן אַ ווירדיקן ווידערשטאַנד".

די קליינע גרופּע, וועלכע איז אין דער שווידערלעכער צײַט געשטאַנען אין שפּיץ פון ייִדישן וועלטקאָנגרעס, האָט אָנגעפירט אַ קאַמף קעגן נאַציזם אויף דרײַ הויפּטגעביטן. מען האָט אונטערגענומען פּאָליטישע שריט אין דער פעלקער־ליגע, מיט אַ געוויסן פּאָזיטיוון רעזולטאַט. מען האָט געמאַכט גרויסע באַמיִונגען אויפצורודערן די עפנטלעכע מיינונג פון דער וועלט קעגן נאַציזם און פאַראורטיילן די היטלערישע רדיפות און רציחות קעגן ייִדן אין די אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס, צו וועלכע דײַטשלאַנד האָט נאָך דאַן געהערט. און, ווי אַ מער רעאַליסטיש מיטל, האָט דער ייִדישער וועלטקאָנגרעס געפּלאַנט צו אָרגאַניזירן אַן אַלגעמיינעם עקאָנאָמישן באָיקאָט קעגן דײַטשלאַנד.

פון דער פּאָליטישער אַקציע בײַ דער פעלקער־ליגע דאַרף דערמאָנט ווערן באַזונדערס די אָנשטרענגונג אַרויסצוראַטעווען די ייִדן פון סאַאַר־געביט מיט זייערע פאַרמעגנס, ווען די דאָזיקע געגנט איז נאָכן פּלעביסציט אין 1934 צוריק אײַנגעשלאָסן געוואָרן אָן דײַטשלאַנד און אַרונטערגעפאַלן אונטערן היטלער־רעזשים, נאָך דעם ווי פראַנקרײַך האָט זינט דעם סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה געהאַט אַדמיניסטרירט דעם ראַיאָן. ד"ר גאָלדמאַן האָט אָנגעפירט מיט דער רעטונגס־אַקציע דורך דער קאָמיסיע פאַרן סאַאַר־געביט בײַ דער פעלקער־ליגע, פון וועלכער דער פאָרשטייער פון איטאַליע איז געווען פאָרזיצער. נאָך לאַנגע באַמיִונגען, וואָס האָבן געפירט גאָלדמאַנען צו אינטערווענירן פערזענלעך בײַ מוסאָליניִן און אָפּהאַלטן אַ שמועס מיטן „דוטשע", האָט זיך אײַנגעגעבן דער פעלקער־ליגע־קאָמיסיע צו צווינגען נאַצי־דײַטשלאַנד אַרויסלאָזן די ייִדן פון סאַאַר־געביט און ניט אָנרירן זייערע פאַרמעגנס, וואָס זיי האָבן אין גאַנצן מיטגענומען מיט זיך. דאָס איז געווען כמעט דער איינציקער פאַל, ווען עס האָט זיך אײַנגעגעבן אַרויסצוראַטעווען פון נאַצי־גיהנום אַ גאַנצן ייִדישן ישוב מיט זײַן האָב־און־גוטס.

אין זײַנע שריט צו ראַטעווען די ייִדן אין סאַאַר־געביט און צו באַשיצן

די ייִדן אין עסטרײַך קעגן דעם אַנטיסעמיטיזם פון די קאַטוילישע גײַסטלעכע, האָט ד״ר גאָלדמאַן אין יענער צײַט אויך געהאַט אַ לענגערן און כאַראַקטעריסטישן געשפרעך אין רוים מיטן קאַרדינאַל פּאַטשעלי, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן פּויפּסט פּיוס XII און האָט איבערגעלאָזט אַ שלעכטע רעפּוטאַציע מיט זײַן גלײַכגילטיקייט, ווען די נאַציס האָבן אומגעבראַכט מיליאָנען ייִדן. קיין ממשותדיקע רעזולטאַטן זײַנען ניט אַרויסגעקומען פון דעם שמועס, אָבער דאָס כאַראַקטעריסטישע איז געווען, אַז קאַרדינאַל פּאַטשעלי האָט כסדר געטענהט, אַז ייִדן זײַנען מעכטיקער פון די קאַטאָליקן. און פון דער אינטערווענץ איז אויסגעקומען אַזוי, אַז ניט די קאַטוילישע קירך דאַרף באַניצן איר השפּעה אָפּצושוואַכן דעם אַנטיסעמיטיזם, נאָר ייִדן דאַרפן זיך אָננעמען פאַר די געררודפטע קאַטאָליקן.

אין פאַרלויף פון דער אַקציע פאַר די סאַאַר־ייִדן האָט ד״ר גאָלדמאַן אויך געהאַט אַ באַגעגעניש אין זשענעווע מיט דעם סאָוועטישן אויסערן־מיניסטער מאַקסים ליטווינאָוו, וועלכער האָט — ווי מאָדנע דאָס זאָל ניט קלינגען — איבערגעחזרט דעם מאָטיוו וועגן דער גרויסער מאַכט פון ייִדן אין דער וועלט. ד״ר גאָלדמאַן באַמערקט אַז ליטווינאָוו, מיט וועמען ער פלעג שפּעטער זיך באַגעגענען אָפט אין זשענעווע, האָט קיין מאָל גאָרניט געטאָן קיין ממשותדיקס פאַר ייִדישע ענינים. „אפשר האָט ער ניט געקאָנט טאָן״ — גיט־צו ד״ר גאָלדמאַן.

מיטן אויסגאַנג פון דער אַקציע פאַר די ייִדן אין סאַאַר, האָבן שוין די ערשטע באַמיִונגען, וואָס זײַנען געמאַכט געוואָרן נאָך פאַרן אויסבראָך פון דער מלחמה אַרויסצוראַטעווען ייִדן פון די הענט פון די נאַצישע מערדערס, געבראַכט גרויסע און ביטערע אַנטוישונגען. אויך דער הויך־קאָמיסאַריאַט פאַר ייִדישע פּליטים, וואָס איז נאָך לענגערע אינטערווענצן געשאַפן געוואָרן בײַ דער פעלקער־ליגע סוף 1933 און וואָס האָט געדאַרפט געפינען עמיגראַציע־מעגלעכקייטן פאַר די דײַטשישע ייִדן, האָט פּאַקטיש גאָרניט אויפגעטאָן. דער ערשטער הויך־קאָמיסאַר, דזשיימס מעקדאָנאַלד (שפּעטער ערשטער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר אין ישראל), האָט נאָך צוויי יאָר פון דורכפאַלן אין זײַן אַרבעט רעזיגנירט מיט אַ דראַמאַטישער פּראָטעסט־דערקלערונג קעגן דער האַרצלאָזיקייט פון די מלוכות, וועלכע האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו געבן נײַע היימען די ייִדישע פּליטים פון דײַטשלאַנד. דער אײנציקער דערגרייכטער רעזולטאַט איז געווען צו פאַרדאַנקען דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט דאַן די מערסטע אַרײַנפאָר־דערלויבענישן קיין ארץ־ישראל (סערטיפיקאַטן) פון דער קלײנער צאָל וואָס זי האָט באַקומען פון דער ענגלישער מאַנדאַט־רעגירונג, באַשטימט פאַר די דײַטשע ייִדן.

די גלײַכגילטיקע באַציִונג פון דער ניט־ייִדישער וועלט צו דער פּראָבלעם פון די ייִדישע פּליטים האָט זיך ניט געענדערט אויך נאָך דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנפערענץ אין עוויאַן, פראַנקרײַך, וואָס פּרעזידענט רוזוועלט האָט צוזאַמענגערופן אין 1938, און אויף וועלכער ד״ר גאָלדמאַן האָט רעפּרעזענטירט די ייִדישע אַגענטור און דעם ייִדישן וועלטקאָנגרעס. „דער דורכפאַל פון הויך־קאָמיסאַריאַט בײַ דער פעלקער־ליגע און פון דער עוויאַנער קאָנפערענץ שטעלט מיט זיך פאָר אַן אומאָפּפרעגלעכע באַשולדיקונג קעגן דער ציוויליזירטער וועלט פאַר איר גלײַכגילטיקער שטעלונג צו די נאַצי־פאַרפאָלגונגען קעגן ייִדן״ — שרײַבט ד״ר גאָלדמאַן אין זײַנע זכרונות — „די היסטאָריקערס פון דער עפּאָכע וועלן דאַרפן באַשטעטיקן דאָס, וואָס איז געוואָרן וואָס ווײַטער אַלץ קלאָרער פאַר די, וועלכע האָבן טאָג־פאַר־טאָג דורכגעלעבט די פאַרשיידענע פאַזעס פון די פאַרפאָלגונגען — אַז ניט נאָר האָבן די אַזוי גערופענע דעמאָקראַטישע מלוכות ניט געמאַכט קיין גרויסע אָנשטרענגונגען אָפּצושטעלן די רציחות קעגן ייִדן, נאָר זיי האָבן אַפילו ניט געגעבן קיין גענעריקע הילף די קרבנות פון נאַציזם״. ד״ר גאָלדמאַן דערציילט דערבײַ, אַז אויך די פּרוּוון, וואָס מען האָט געמאַכט צו קריגן אַרײַנפאָר־וויזעס אין סאָוועט־רוסלאַנד פאַר ייִדישע קאָמוניסטן, וועלכע האָבן געמוזט אַנטלויפן פון נאַצי־דײַטשלאַנד, זײַנען דורכגעפאַלן, ווײַל מאָסקווע האָט זיך אָפּגעזאָגט צו געבן די דערלויבענישן מיטן תירוץ, אַז די דײַטש־ייִדישע קאָמוניסטן זײַנען אינטעלעקטואַלן, וועלכע ווערן פאַרדעכטיקט אין טראָצקיזם.

11

אַ ציוניסטישע טראַגעדיע

באַלד איז די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע אַליין געשטעלט געוואָרן פאַר אַ שווערן פּרוּוו. די קעניגלעכע פאָרשונגס־קאָמיסיע — וואָס די ענגלישע מאַנדאַט־רעגירונג האָט אין 1936 געשיקט קיין ארץ־ישראל צו אונטערזוכן די לאַגע נאָך דעם אויסבראָך פון אַראַבישן טעראָר קעגן דעם ישוב — איז אַרויסגעקומען מיט דעם פּלאַן, וועלכער איז שפּעטער פאָרגעשלאָגן געוואָרן דורך דער ענגלישער רעגירונג: צעטיילן ארץ־ישראל און אויפשטעלן אַ ייִדישע

מדינה אין אַ חלק פון לאַנד. ווען ד״ר חיים וויצמאַן האָט פאַרטרוילעך מיטגעטיילט ד״ר גאָלדמאַנען וועגן דעם פּלאַן, האָט ער זיך גלײַך אַרויסגעזאָגט דערפֿאַר, מיטן באַדינג אַז די טעריטאָריע, וואָס וועט באַשטימט ווערן פֿאַר דער ייִדישער מדינה, זאָל געבן די מעגלעכקייט אויפצונעמען אַ מאַסן־עליה. ד״ר וויצמאַן, דוד בן־גוריון און ד״ר גאָלדמאַן האָבן געבראַכט דעם פּלאַן צום ציוניסטישן קאָנגרעס, וועלכער האָט זיך פֿאַרזאַמלט אין ציריך, אין אויגוסט 1937. בײַ דעם היסטאָרישן קאָנגרעס האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ דראַמאַטישע דעבאַטע וועגן דעם טיילונגס־פּלאַן. פּראָמינענטע ציוניסטישע פֿירערס פֿון פֿאַרשיידענע פּאַרטייען, צווישן זיי אַזעלכע חשובע פּערזענלעכקייטן, ווי מנחם אוסישקין, ד״ר סטיפֿען ווײַז, בערל קאַצענעלסאָן, האָבן שאַרף באַקעמפֿט דעם פֿאָרשלאָג.

ד״ר גאָלדמאַן איז געווען איינער פֿון די הויפּט־פּאַרטיידיקערס פֿון דעם פּלאַן. אין זײַן היסטאָרישער רעדע בײַ דעם קאָנגרעס האָט ער גערופֿן אָנצונעמען דעם טיילונגס־פּלאַן, ניט געקוקט אויף די געפֿאַרן און קאָמפּליקאַציעס, מיט וועלכע דער פּלאַן איז געווען פֿאַרבונדן. „יעדער גרויסער היסטאָרישער שריט איז פֿאַרבונדן מיט סכנות" — האָט ד״ר גאָלדמאַן דערקלערט — „דער ציוניזם אַליין איז געווען אַ ריזיקאַלישער ענין, ווען ד״ר הערצל האָט זיך באַוויזן. קיין שום פֿרײַהייט־באַוועגונג פֿון אַ פֿאָלק קאָן ניט אַנטשטיין אָן ריזיקעס. צי זײַנען דען ניט פֿאַראַן קליינע מדינות אין אייראָפּע, וואָס זייער עקסיסטענץ איז ניט זיכער? מיר האָבן ניט קיין אַנדער וועג פֿאַר זיך, ווי אַרײַנגיין אין דער ריזיקע. אין יעדן ריזיקאַלישן שריט זײַנען אויך פֿאַראַן גרויסע מעגלעכקייטן. אויך אין דער דאָזיקער ייִדישער מדינה זײַנען דאָ גרויסע מעגלעכקייטן. מיר האָבן ניט קיין אַנדער ברירה, ווי מאַכן דעם שפּרונג" — האָט גאָלדמאַן אַפּעלירט צו די דעלעגאַטן פֿון קאָנגרעס.

נאָך דער דראַמאַטישער דעבאַטע האָט דער ציוניסטישער קאָנגרעס, אין אַ זייער וואַקלדיקער פֿאָרעם, און אויך דאָס מיט אַ קליינער מערהייט, געגעבן זײַן צושטימונג צו פֿאַרהאַנדלען ווײַטער מיט דער ענגלישער רעגירונג וועגן דעם טיילונגס־פּלאַן. די מאַנדאַט־רעגירונג האָט דאַן זיך צוריקגעצויגן פֿון דעם פֿאָרשלאָג, און פֿון דעם גאַנצן ענין איז גאָרנישט געוואָרן.

ד״ר גאָלדמאַן האָט שפּעטער זיך אויסגעדריקט, אַז די שטעלונג פֿון דער ציוניסטישער באַוועגונג צו דעם טיילונגס־פּלאַן אין 1937 איז געווען אַ „גרויסע זינד פֿון אונדזער דור", ענלעך צו דער ניט־גענוגנדיקער רעאַקציע פֿון וועלט־ייִדנטום אויף דער היטלער־געפֿאַר. אויב די ציוניסטישע באַוועגונג וואָלט ספּאָנטאַן און אָן וואַקלעניש אָנגענומען דעם טיילונגס־פֿאָרשלאָג — איז גע־

ווען ד״ר גאָלדמאַנס מיינונג — איז זייער מעגלעך, אַז עס וואָלט זיך איינגעגעבן צו פאַרווירקלעכן דעם פּלאַן און אויפשטעלן די ייִדישע מדינה אין אַ טייל פון ארץ־ישראל, און אין די צוויי יאָר, וואָס זיינען נאָך געהאַט פאַרבליבן ביזן אויסבראָך פון צווייטן וועלטקריג, וואָלטן הונדערטער טויזנטער און אפשר מיליאָנען אייראָפּעיִשע ייִדן זיך געקאָנט ראַטעווען אין דער פאַרגעלייגטער ייִדישער מדינה. „אויב עס איז געווען אַ טראַגעדיע אין דער געשיכטע פון ציוניזם, איז עס דער פאַקט, וואָס דער ערשטער טיילונגס־פּלאַן, וועלכער איז אונדז פאַרגעשלאָגן געוואָרן אין 1937, איז ניט דורכגעפירט געוואָרן, אין אַ גרויסער מאָס איבער אונדזער שולד״ — האָט ד״ר גאָלדמאַן שפּעטער אויסגעפירט, און איז געגאַנגען נאָך ווייטער אין זיין דערקלערונג, מיט זיין באַקאַנטן מוט און אָפנהאַרציקייט, וואָס כאַראַקטעריזירט אים: „איינער פון די הויפּטמאָטיוון, וואָס האָט מיך געפירט אויפצולעבן דעם טיילונגס־פּלאַן נאָכן צווייטן וועלטקריג, איז געווען דאָס געפיל, אַז אפשר טראָגן מיר אַליין אַ געוויסע שולד פאַר דער פאַרטיליקונג פון אַ דריטל פון אונדזער פאָלק. דאָס איז אפשר אויך געווען דער אַנטשיידנדיקער אַרגומענט פאַר אַ סך קעגנערס פון דעם פּלאַן אין 1937 — ווי ד״ר סטיפען ווייז — אַז זיי זאָלן אים שטיצן אין 1946 און אין 1947״.

אין דער דורכפירונג פון דעם טיילונגס־פּלאַן אין 1947, וואָס האָט דערמעגלעכט צו באַגיינען די ייִדישע מדינה אין מיי 1948, האָט ד״ר גאָלדמאַן געשפּילט אַ גרויסע היסטאָרישע און דעציזירנדיקע ראָל — ווי עס וועט געשילדערט ווערן אין אַ ווייטערדיקן קאַפּיטל.

אָבער צווישן די צוויי תקופות — צווישן 1937 און 1947 — איז אייראָפּע און די גאַנצע וועלט אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון די פלאַמען פון דער שוידערלעכסטער מלחמה אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, אין וועלכער דאָס ייִדישע פאָלק האָט געליטן די גרעסטע קאַטאַסטראָפע, ווען זעקס מיליאָן ייִדן זיינען אויסגעהרגעט געוואָרן אין די געטאָס און אין די היטלעריסטישע מאָרדלאַגערן.

12

„אַלע טראָגן מיר אַ טייל פון דער שולד“

מיטן אָנהייב פון דער וועלט־מלחמה זײַנען אויפגעקומען נײַע טראַגישע ייִדישע פּראָבלעמען, מיט וועלכע ד״ר גאָלדמאַן האָט זיך געדאַרפט באַשעפטיקן. ניט געקוקט אויף די פּאָדערונגען פון דער ציוניסטישער פירערשאַפט, אַז ער זאָל אַוועקפאָרן פון אייראָפּע און קומען קיין אַמעריקע, איז ער געבליבן אין ערשטן יאָר פון קריג אין זשענעווע. אַ הילפרוף פון פּליטים פון דײַטשלאַנד האָט אים געבראַכט קיין פּאַריז, ווו די מאַכט האָט באַלד נאָכן אויסבראָך פון דער מלחמה אַרעסטירט די דײַטשישע ייִדן, באַזונדערס די אינטעלעקטואַלן, ווי פײַנדלעכע אויסלענדער. עס האָט זיך דאַן אײַנגעגעבן ד״ר גאָלדמאַנען אַרויסצוקריגן פון די לאַגערן, וואָס זײַנען דעמאָלט אויפגעשטעלט געוואָרן אין פראַנקרײַך, אַ צאָל דײַטשישע ייִדן, פון וועלכע אַ טייל איז אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל און קיין אַמעריקע.

אין דעם ערשטן ווינטער פון קריג האָט ד״ר גאָלדמאַן געהאַט אַ געדאַנק, אַז עס זאָל רעקרוטירט ווערן אַ ייִדישער לעגיאָן אין דער פראַנצויזישער אַרמיי. ער האָט פאַרהאַנדלט וועגן דעם מיטן אײַנפלוסרײַכן מיניסטער פון דער פראַנצויזישער רעגירונג, זשאָרזש מאַנדעל, אַ ייִד (וועלכער איז דערנאָך דערהרגעט געוואָרן דורך די נאַציס) און דעם פּרעמיער־ און קריג־מיניסטער עדואַרד דאַלאַדיע. ער האָט שוין געהאַט באַקומען די אָפיציעלע צושטימונג פון דער פראַנצויזישער רעגירונג צו גרינדן דעם ייִדישן לעגיאָן. אָבער דאַן איז געקומען די היטלערישע אינוואַזיע אין האָלאַנד און אין בעלגיע, און דערנאָך אין פראַנקרײַך; די פראַנצויזישע אַרמיי האָט קאַפּיטולירט, און פון דעם פּלאַן וועגן ייִדישן לעגיאָן איז גאָרנישט געוואָרן.

די היטלערישע אינוואַזיע האָט אויך ד״ר גאָלדמאַנען און זײַן פאַמיליע געשטעלט פאַר דער לאַגע צו דאַרפן אַוועקפאָרן. אויך די שווייץ איז געווען אין געפאַר אָקופּירט צו ווערן דורך די נאַציס. מיט גרויסע שוועריקייטן, און נאָך אַ לאַנגער, סכנותדיקער נסיעה, איז ער סוף יוני 1940 אָנגעקומען קיין אַמעריקע, וואָס איז אויף מער ווי צוואַנציק יאָר געוואָרן זײַן היים, און פון וואַנען ער האָט דורכגעפירט אַ ריי פּאָליטישע אַקציעס פאַר ארץ־ישראל און פאַר וועלט־ייִדישע פּראָבלעמען, וואָס האָבן געמאַכט ייִדישע געשיכטע.

די צוויי הויפּט־פּראָבלעמען, מיט וועלכע ד״ר גאָלדמאַן האָט זיך אָפּגעגעבן אין די טראַגישע יאָרן פון דער מלחמה, זײַנען געווען: די באַמיִונגען

אַרויסצוראַטעווען ווי וויַיט מעגלעך מער ייִדן פון דעם חורבן און אומקום אין נאַצי־אייראָפּע, און צוגרייטן די לייזונג פון דער ארץ־ישראל־פראַגע, ווו עס האָט געמוזט קומען צו אַן אַנטשיידונג אין דעם נייעם מצב נאָכן קריג. ד״ר גאָלדמאַן איז איַינגעלאַדן געוואָרן דורך דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אין ירושלים און דורך די אַמעריקאַנער ציוניסטישע פירערס צו שטעלן זיך אין שפּיץ פון דער אַרבעט פון ספּעציעלן ציוניסטישן ראַט, וואָס איז דאַן געשאַפן געוואָרן אָנצופירן די פּאָליטישע אַקציע.

אין די ערשטע צייַטן איז די דרינגענדיקסטע אויפגאַבע געווען צו געפינען אַ מעגלעכקייט אַרויסצוראַטעווען און ברענגען קיין אַמעריקע ייִדן פון פראַנקרייַך, פון די געגנטן, וועלכע זיַינען דאַן נאָך ניט געווען אָקופּירט, אָבער די געפאַר איז שוין געהאַנגען איבער זיי. קיין פּאַריז זיַינען אין אָנהייב פון דער מלחמה אויך געהאַט אָנגעקומען אַ צאָל ייִדישע טוערס פון פּוילן, וועלכע עס איז געראָטן צו אַנטלויפן. מיט גרויסע באַמיִונגען האָט זיך איַינגעגעבן צו קריגן אַ צאָל ספּעציעלע אַמעריקאַנער אַריַינפאָר־דערלויבענישן. דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט אַ קאָמפּליצירטער אַקציע, וואָס ד״ר גאָלדמאַן און אַנדערע האָבן אונטערגענומען אין וואַשינגטאָן. און נאָך אַלע באַמיִונגען האָט זיך איַינגעגעבן צו ברענגען קיין אַמעריקע אַ זייער באַגרענעצטע צאָל פּליטים, בלויז עטלעכע טויזנט נפשות.

אין אייראָפּע האָט זיך שוין דאַן געהאַט אָנגעהויבן די היטלערישע מאַסן־אויסראָטונג פון ייִדן אין די געטאָס און קאָנצענטראַציע־לאַגערן. די ערשטע באַריכטן וועגן דעם האָט דער פאָרשטייער פון ייִדישן וועלטקאָנגרעס אין זשענעווע, איצטיקער גענעראַל־סעקרעטאַר, ד״ר געהאַרדט ריגנער, צוגעשיקט קיין ניו־יאָרק, אויף אַ דיפּלאָמאַטישן וועג. ער איז געווען דער ערשטער צו באַריכטן וועגן דעם באַשלוס, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אויף דער געהיימער באַראַטונג, וועלכע היטלער האָט צונויפגערופן, וועגן דער „ענדגילטיקער לייזונג פון דער ייִדן־פראַגע״ — וואָס האָט געמיינט די פאַרטיליקונג פון אייראָפּעיִשן ייִדנטום. לײדער האָט ד״ר ריגנערס באַריכט צו ווייניק אויפגערודערט די ייִדישע און ניט־ייִדישע קרייַזן אין אַמעריקע, אַז עס זאָל אָנגעהויבן ווערן אַ וועלטאַקציע קעגן דעם בעסטיאַלישן פּלאַן, וואָס די נאַציס האָבן דאַן שוין גענומען דורכפירן. ד״ר גאָלדמאַן האָט געהאַלטן כסדר אין פאָדערן מען זאָל אונטערנעמען די געוואַגטסטע שריט, אַריַינרעכענענדיק דאָס איבערקויפן נאַציס מיט גרויסע געלטער, אַבי אַרויסצופירן די גרעסטע מעגלעכע צאָל ייִדן פון היטלערישן גיהנום. אָבער ער און די אַנדערע פירערס פון ייִדישן וועלטקאָנגרעס, מיט ד״ר סטיפן ווײַז בראש, האָבן זיך אָנגעשטויסן אָן די גרעסטע שוועריקייטן ניט נאָר אין וואַשינגטאָן, נאָר אויך מצד

אַ צאָל יידישע טוערס. און אַלע אָנשטרענגונגען האָבן געבראַכט מינימאַלע, נישטיקע רעזולטאַטן.

ד״ר גאָלדמאַן דערציילט וועגן דעם פאַרצווייפלטן הילפספלאַן, וואָס איז אויף אַ געהיימען וועג דערהאַלטן געוואָרן אָנהייב 1943 פון דער אונטערערדי־שער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין וואַרשעווער געטאָ, וואָס איז געווען אַדרעסירט צו אים און צו סטיפען ווײַזן אין ניו־יאָרק. אין דעם וויגעשריי זײַנען אַמע־ריקאַנער יידישע פירערס אויפגעפאָדערט געוואָרן אָנוועקצוזעצן זיך אויף די טרעפּ פון ווײַסן הויז און פון שטאַטס־דעפּאַרטאַמענט אין וואַשינגטאָן און דורכפירן אַ פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציע אַזוי לאַנג, ביז עס וועט עפּעס געטאָן ווערן צו ראַטעווען די דעמאָלט נאָך פאַרבליבענע פּוילישע יידן. „דאָס קאָן איצט קלינגען נאַיִוו״ — האָט ד״ר גאָלדמאַן שפּעטער געשריבן אין זײַנע מעמואַרן — „אָבער איך גלייב ביז איצט, ווי איך האָב געגלייבט דעמאָלט, אַז מיט אַ פאַרצווייפלטער, אומגעווייניטלעכער אַקציע וואָלט מען געקאָנט עפּעס דערגרייכן. אין געוויסע סיטואַציעס האָבן פירערס די פליכט אַוועקצולאָזן זיך אַפילו אויף מאַכן דאָן־קישאָטישע שריט. אָבער עס האָט געפעלט קוראַזש, וויזיע און אַנטשלאָסנקייט אָנצונעמען אַזעלכע דראַסטישע, ראַדיקאַלע מיט־לען. אין אַלע מײַנע יאָרן פון יידישער פּאָליטישער אַרבעט האָב איך קיין מאָל זיך ניט געפילט אַזוי מאַכטלאָז און אַזוי שרעקלעך פאַרביטערט, ווי דעמאָלט. אַלע, וועלכע האָבן אין יענער צײַט גערעדט און געהאַנדלט אין נאָ־מען פון יידישן פאָלק — און איך גאָר אַרײַן אין דעם בפירוש מיך אַליין — טראָגן אַ טייל פון דער שולד, ווער מער און ווער ווייניקער, פאַר דעם וואָס עס איז כמעט גאָרנישט געטאָן געוואָרן צו פּרוּוון אַרויסראַטעווען די יידן פון היטלערישן גיהנום אין אייראָפּע״.

דאָס איז געווען דער טראַגישער סך־הכל פון אַלע באַמיִונגען פאַר דער רעטונגס־אַקציע.

אין דער פּאָליטישער אַרבעט פאַר ארץ־ישראל זײַנען די שוועריקייטן און די שטרעבונגען ניט געווען קיין סך קלענערע, באַזונדערס אין די ערשטע יאָרן פון דער וועלט־מלחמה. די הויפּט־באַמיִונגען זײַנען דאַן געמאַכט געוואָרן צו ווירקן דורך וואַשינגטאָן אויף דער ענגלישער רעגירונג, זי זאָל פאַרלײַכטערן די גזירות קעגן דער יידישער אײַנוואַנדערונג קיין ארץ־ישראל — די גזירות און באַגרענעצונגען, וואָס האָבן געבראַכט צו טראַגעדיעס מיט געזונקענע שיפן, וועלכע האָבן געפירט די אַזוי גערופענע אומלעגאַלע עולים. די אינטער־ווענצן, וואָס ד״ר סטיפען ווײַז און ד״ר גאָלדמאַן האָבן דאַן געמאַכט דירעקט אין ווײַסן הויז בײַ פּרעזידענט רוזוועלטן, האָבן געבראַכט באַשטימטע גינ־ציקע רעזולטאַטן. אויך האָבן ביידע יידישע פירערס באַקומען אַ געוויסע

שטיצע אין ווײַסן הויז פאַר דעם פּלאַן צו גרינדן אַ ייִדישע בריגאַדע אין דער ענגלישער אַרמיי. אָבער ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער פאָדערונג צו לייזן די ארץ־ישראל־פּראָבלעמען דורך אויפשטעלן אַ ייִדישע מדינה, איז דער אָפּרוף פון די דעמאָקראַטיקע דעצידירנדיקע קרײַזן אין וואַשינגטאָן געווען אַ שוואַכער. ערשט נאָך דער מלחמה האָט זיך אײַנגעגעבן גאָלדמאַנען צו באַקומען די שטיצע און די צושטימונג פון פּרעזידענט טרומאַנען און זײַן אַד־מיניסטראַציע פאַר דעם באַנײַטן טיילונגס־פּלאַן פון ארץ־ישראל, מיט דער גרינדונג פון אַ סוווערענער ייִדישער מדינה אין אַ טייל פון לאַנד.

דאָס איז שוין געווען נאָך דעם, ווי זעקס מיליאָן ייִדן זײַנען אומגעקומען און טויזנטער ייִדישע קהילות אין אייראָפּע זײַנען חרוב געוואָרן.

13

קאַמף פאַר דער ייִדישער ווידעראויפריכטונג נאָכן קריג

„אונדזער פאָלק וועט זײַן צווישן די גרעסטע און שרעקלעכסטע קרבנות פון דער מלחמה. טעכניש נעמען מיר ניט קיין אַקטיוון אָנטייל אין קריג ווי אַ פאָלק. אונדזערע מאַרטירערס און העלדן שטאַרבן ניט אויף די שלאַכטפעלדער, נאָר ווערן דערהרגעט אין די געטאָס און קאָנצענטראַציע־לאַגערן אין נאַצי־אָקופּירטע לענדער. אָט די זיבן אָדער אַכט מיליאָן ייִדן, וועלכע ווערן געפּײַניקט אונטערן דײַטשישן יאָך, האָבן ניט אין איצטיקן מאָמענט קיין אייגענע פּאָליטישע פּראָבלעמען. זייער איינציקע רעטונג איז באַפרײַט צו ווערן פון דער נאַצישער טיראַניע.

„דעריבער איז די הויפּטפּראָבלעם פון אייראָפּעיִשן ייִדנטום, פּאָליטיש באַטראַכט, אַ פּראָבלעם פון דער צוקונפט, ווען דער היטלעריזם וועט ליקווי־דירט ווערן, און אַ דעמאָקראַטישער נצחון וועט עפענען דעם וועג פאַר דער שאַפונג פון אַ נײַער וועלט. עס איז ניטיק, אַז ייִדישע פירערס זאָלן זיך פאַר־טראַכטן וועגן דער צוקונפט. נאָך די דערפאַרונגען פון די לעצטע צוואַנציק יאָר דאַרף קיינער ניט מיינען, אַז עס וועט זײַן גענוג בלויז פאַר די דעמאָ־קראַטיעס צו געווינען די מלחמה, בכדי צו לייזן די אייראָפּעיִש־ייִדישע פּראָבלעם. יעדער אַספּעקט פון אָט דער סיטואַציע דאַרף איצט געפאָרשט און

שטודירט ווערן. דערפאַר האָבן מיר געשאַפן דעם אינסטיטוט פאַר ייִדישע ענינים ביים ייִדישן וועלטקאָנגרעס, צו וועלכן מיר האָבן צוגעצויגן די בעס־טע עקספּערטן, וואָס מיר פאַרמאָגן.״

די דאָזיקע דערקלערונג האָט ד״ר נחום גאָלדמאַן געמאַכט קורץ נאָכן אַריינגיין אין דריטן יאָר פון דער וועלט־מלחמה, אין נאָוועמבער 1941, אין זיין רעדע אויף דער אינטעראַמעריקאַנער ייִדישער קאָנפערענץ, וואָס איז צו־נויפגערופן געוואָרן אין באַלטימאָר דורכן ייִדישן וועלטקאָנגרעס. דאָס איז געווען דער ערשטער ייִדישער אינטערנאַציאָנאַלער צוזאַמענפאָר צו באַהאַנדלען די טראַגישע ייִדישע פּראָבלעמען בעת דער מלחמה און די ייִדישע פאָדערונ־גען נאָכן קריג. ד״ר גאָלדמאַן איז ביי דער דאָזיקער קאָנפערענץ שוין אַרויס־געקומען מיט דער פאָדערונג וועגן אַנטשעדיקונגען פאַר די נאַצי־געליטענע ייִדן נאָך דער מלחמה, און וועגן אַ לייזונג פון ארץ־ישראל־פּראָבלעם, וואָס זאָל גאַראַנטירן די ייִדישע נאַציאָנאַלע סוווערעניטעט אין לאַנד, מיט דער מעגלעכקייט אַז די גרעסטעוועטע ייִדן פון היטלערישן גיהנום זאָלן דאָרט קאָ־נען אָנהייבן אַ ניי זעלבשטענדיק ייִדיש לעבן.

דער ייִדישער וועלטקאָנגרעס, וואָס האָט אין ערשטן יאָר פון דער מלחמה אַריבערגעטראָגן זיין צענטער פון זשענעווע קיין ניו־יאָרק, איז אונ־טער דער אָנפירונג פון וויז און גאָלדמאַנען געווען די ערשטע ייִדישע אָר־גאַניזאַציע, וואָס איז צוגעטראָטן צו באַהאַנדלען די ייִדישע נאָכמלחמה־פּראָב־לעמען און צוגרייטן די ייִדישע פאָדערונגען. פאַר דעם צוועק איז גערופן געוואָרן די קאָנפערענץ אין באַלטימאָר און אָרגאַניזירט געוואָרן נאָך פאַרן סוף פון דער מלחמה דער ייִדישער וועלט־צוזאַמענפאָר אין נאָוועמבער 1944, אין אַטלאַנטיק סיטי. ביידע צוזאַמענפאָרן פון ייִדישן וועלטקאָנגרעס האָבן דערפילט אַ היסטאָרישע אויפגאַבע מיט דעם, וואָס זיי האָבן אָנגעהויבן די פּאָליטישע אַקציע צו פאַרזיכערן דעם קיום פון דער שארית הפליטה פון אייראָפּעיִשן ייִדנטום נאָך דער מלחמה.

ד״ר סטיפען וויז און ד״ר נחום גאָלדמאַן האָבן זיך אַרומגערינגלט מיט עקספּערטן, וועלכע זיינען געווען די בעסטע קענערס פון די פּראָבלעמען פון אייראָפּעיִשן ייִדנטום און איניציאַטאָרן פון געוואַגטע, וויטגייענדיקע פאָדע־רונגען אין דער נאָכמלחמה־תקופה. צו זיי האָבן געהערט אין דער ערשטער ריי: ד״ר יעקב ראָבינסאָן, ד״ר נחמיה ראָבינסאָן, ד״ר לעאָן קובאָוויצקי, ד״ר מאָריס פּערלצווייג, ד״ר אריה טאַרטאַקאָווער, אין ניו־יאָרק; ד״ר גערהאַרדט מ. ריגנער, אין זשענעווע; סידני סילווערמאַן, דעפּוטאַט פון ענגלישן פּאַר־לאַמענט; ד״ר אהרן שטיינבערג, מאַרקיזין רעדינג און אַלעקס איסטערמאַן,

באַקאַנטער זשורנאַליסט און שריפטשטעלער, אין לאָנדאָן. דער אינסטיטוט פאַר ייִדישע ענינים, וואָס איז געשאַפן געוואָרן בײַם ייִדישן וועלטקאָנגרעס מיטן אָנטייל פון די עקספּערטן, האָט געלייגט די יורידישע יסודות פאַר צוויי הויפּט־אויפגאַבעס נאָך דער מלחמה: צוצוזען צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט און באַשטראָפן די נאַצישע קריג־פאַרברעכער, וועלכע האָבן געפּײַניקט און גע־מאָרדעט ייִדן; און אויפמאָנען אַנטשעדיקונגען פאַר די ייִדישע נאַצי־קרבנות. פאַר ביידע עובדות האָט מען געדאַרפט פאָרמולירן נײַע יורידישע פּרינציפּן, וואָס זײַנען נאָך ניט געווען אײַנגעפירט און אָנגענומען אין אינטערנאַציאָנאַלן געזעץ. און עס איז דער היסטאָרישער אויפטו און פאַרדינסט פון דעם אינס־טיטוט בײַם ייִדישן וועלטקאָנגרעס, וואָס ער האָט אויסגעאַרבעט די דאָזיקע יורידישע פּרינציפּן, פאַר וועלכע עס איז דערגרייכט געוואָרן די צושטימונג פון די אַלײַרטע מלוכות, וואָס האָבן געפירט דעם קריג קעגן נאַצי־דײַטש־לאַנד. די דאָזיקע יורידישע פּרינציפּן זײַנען געוואָרן די באַזע פון די נאָכ־מלחמה־פאַרהאַנדלונגען פון דער פרײַער וועלט צו ליקווידירן די מוראדיקע ירושה, וואָס היטלער־דײַטשלאַנד האָט איבערגעלאָזט, און פאַרהיטן פון אַן איבערחזרונג פון אַ נײַער נאַצי־קאַטאַסטראָפע. די גרונטפּרינציפּן, וואָס זײַ־נען פאָרמולירט געוואָרן דורך דעם אינסטיטוט בײַם ייִדישן וועלטקאָנגרעס, זײַנען געוואָרן דער יורידישער יסוד פון די נירענבערגער פּראָצעסן קעגן די נאַצי־פאַרברעכער, און שפּעטער אויך פון די אָפּמאַכן מיט דער נאָכמלחמה־דיקער דײַטשישער אַדענאַוער־רעגירונג וועגן צאָלונגען און אַנטשעדיקונגען פאַרן ייִדישן פאָלק, פאַר מדינת ישראל און פאַר די אינדיווידועלע ייִדישע נאַצי־געליטענע.

פּאַראַלעל מיט דער דאָזיקער אַקציע האָט ד״ר גאָלדמאַן געשפּילט אַ היסטאָרישע ראָל אין דער אַקציע פון אַמעריקאַנער ייִדנטום פאַר דער לייזונג פון ארץ־ישראל־פּראָבלעם נאָך דער מלחמה. ווי דער פאָרשטייער פון דער ציוניסטישער וועלט־עקזעקוטיווע אין אַמעריקע און אָנפירער פון ציוניסטישן עמערגענץ־ראַט, איז ד״ר גאָלדמאַן געווען איינער פון די הויפּט־איניציאַטאָרן פון דער ציוניסטישער באַלטימאָר־קאָנפערענץ (אָרגאַניזירט דורך מאיר ווײַס־גאַל, ד״ר ווייצמאַנס נאָענטסטער מיטאַרבעטער). דער צוזאַמענפאָר — וואָס איז אַרײַן אין דער געשיכטע מיטן נאָמען פון ניו־יאָרקער בילטמאָר־האָטעל, ווו ער איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן — איז פאָרגעקומען אין מײַ 1942. דאָרטן האָט מען, מיטן אָנטייל פון ד״ר חיים ווייצמאַן און דוד בן־גוריון, פאָרמולירט די היסטאָרישע בילטמאָר־פּראָגראַם, מיט דער פאָדערונג צו באַנײַען די זעלב־שטענדיקע ייִדישע מדינה אין ארץ־ישראל נאָך דער מלחמה.

די דאָזיקע פאָדערונג, צוזאַמען מיט די דערמאָנטע גרונט־פּרינציפּן, וואָס

זײַנען פֿאָרמולירט געוואָרן דורכן ייִדישן וועלטקאָנגרעס וועגן דײַטשע צאָ־לונגען און אַנטשעדיקונגען נאָך דער מלחמה און שטראָפֿן פֿאַר די נאַצישע קריג־פֿאַרברעכער, זײַנען אָנגענומען געוואָרן שפּעטער דורך דער אַמעריקאַנער ייִדישער קאָנפֿערענץ, אָפּגעהאַלטן אין ניו־יאָרק אין אויגוסט 1943, און וואָס האָט רעפּרעזענטירט איבער נײַנציק פּראָצענט פֿון אַמעריקאַנער ייִדנ־טום דורך דעמאָקראַטיש אויסגעקליבענע דעלעגאַטן. ד״ר ווײַז און ד״ר גאָלד־מאַנען האָט זיך אײַנגעגעבן צוצוציִען צו דער קאָנפֿערענץ אויך דעם אַמערי־קאַנער ייִדישן קאָמיטעט, וועלכער האָט זיך ביז דאַן געהאַלטן ווײַט פֿון פֿאַר־אייניקטע ייִדישע פּאָליטישע אַקציעס און פֿון אַלגעמיינע ייִדישע צוזאַמענ־פֿאָרן. ד״ר גאָלדמאַן האָט בײַ דער קאָנפֿערענץ רעפֿערירט וועגן דער פֿאָדע־



שמועסנדיק מיט חיים ווייצמאַן...

רונג פֿון אַ ייִדישע מדינה אין ארץ־ישראל. נאָך אַ לאַנגער עמאָציאָנעלער דעבאַטע, אין וועלכער דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער פֿירער ד״ר אבא הלל סילווער האָט געהאַלטן איינע פֿון זײַנע בעסטע און צום שטאַרקסטן ווירקנ־דיקע רעדעס, איז דער באַשלוס וועגן פֿאָדערן די באַגרינדונג פֿון דער ייִדישער מדינה אין ארץ־ישראל אָנגענומען געוואָרן דורך איבער נײַנציק פּראָצענט פֿון די דעלעגאַטן.

ביידע דערגרייכונגען, סײַ פֿאַר דער פֿאָדערונג ווידעראויפֿצוריכטן די

ייִדישע מדינה אין ארץ־ישׂראל און סײַ פֿאַר די ייִדישע פֿאָדערונגען נאָך דער מלחמה — וואָס זײַנען געוואָרן די כמעט אײַנשטימיקע פּאָסטולאַטן פֿון פֿאַר־אייניקטן אײַנפֿלוסרײַכן אַמעריקאַנער ייִדנטום — האָבן געהאַט אַ דעציִדירנ־דיקע ווירקונג אויף דעם ווײַטערדיקן קאַמף פֿאַר דער לייזונג פֿון די פּראָ־בלעמען פֿון ייִדישן פֿאָלק נאָך דער מלחמה.

14

די „באַלפֿור־דעקלאַראַציע פֿון וואַשינגטאָן“

„נ יט פֿאַראַן קיין אַנדער וועג, ווי צו זאָגן צו די ענגלענדער, צו די אַמעריקאַנער און צו דער אָרגאַניזאַציע פֿון די פֿאַראייניקטע פֿעלקער, אַז מיר ווילן מער ניט האָבן קיין פֿרעמדע רעזשימען אין ארץ־ישׂראל. מיר דאַרפֿן האָבן מלוכהשאַפֿט. מיר מוזן ראַטעווען מיליאָנען ייִדן אין די נאָענט־סטע עטלעכע יאָר — — — ציוניזם איז ניט קיין משיחישע באַוועגונג. ציו־ניזם איז אַ פּראַקטישע און רעאַליסטישע באַוועגונג, וואָס איר גאַנצע מאָראַ־לישע קראַפֿט שטיצט זיך אויף דעם פֿאַקט, אַז מיר האָבן געזאָגט צו דער וועלט: מיר זײַנען גרייט צו לייזן די ייִדן־פֿראַגע אין אונדזער צײַט — — — און איך בין איבערגעצײַגט, אַז עס איז ניט פֿאַראַן אין אונדזערע טעג קיין אַנדערע לייזונג, ווי דער טיילונגס־פּלאַן — — — אַזאַ לייזונג וועט ברענגען אַ גרויסן טאָג אין דער ייִדישער געשיכטע“.

מיט דער דאָזיקער שטאַרקער פֿאַרטיידיקונג פֿון דעם טיילונגס־פּלאַן פֿון ארץ־ישׂראל און גרינדונג פֿון אַן אומאָפּהענגיקער ייִדישער מדינה אין אַ טייל פֿון לאַנד איז גאָלדמאַן אַרויסגעקומען אין אַ רעדע בײַ דער קאָנפֿערענץ פֿון דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער פֿרויען־אָרגאַניזאַציע „הדסה“, אין נאָוועמ־בער 1946, ווען אויך אין די ציוניסטישע רייען איז געווען אַ גרויסע קעגנער־שאַפֿט צו דעם פּלאַן.

די שארית הפּליטה פֿון ייִדישן חורבן אין אייראָפּע, וואָס האָט געציילט אַרום אַ האַלבן מיליאָן נפֿשות, וועלכע האָבן דאַן זיך נאָך געפֿונען אין די „די־פּי“־לאַגערן אין דײַטשלאַנד, עסטרײַך, איטאַליע, האָבן ניט געהאַט וווּ־הין צו גיין, רײַסנדיק זיך צו פֿאַרלאָזן די לאַגערן און ווידעראויפֿריכטן זייע־

רע לעבנס. דאָס איינציקע לאַנד, וווּ זיי האָבן געקאָנט ווידער אויפבויען זייער עקסיסטענץ און לעבן פרײַ ווי ייִדן און מענטשן, איז געווען ארץ־ישראל. און אין דעם האָט די גרויסע מערהייט פון זיי געזען זייער רעטונג. אָבער דערצו האָט געדאַרפט זײַן אַן אייגענע פאַרוואַלטונג אין ארץ־ישראל, אייגענע ייִדישע מלוכהשאַפט, ווען אַפילו בלויז אין אַ טייל פון דעם לאַנד. די ענגלישע מאַנדאַט־רעגירונג האָט געהאַט אָפּגעוואָרפן אַלע ייִדישע פאָדערונגען צו דערלויבן אַ גרעסערע עליה קיין ישראל. אויך פרעזידענט טרומאַנס רעלאַטיוו באַשיידענע פאָדערונג, אַז הונדערט טויזנט ייִדן פון די לאַגערן זאָלן גלײַך אַרײַנגעלאָזט ווערן קיין ארץ־ישראל, האָט די עטלי־בעווין־רעגירונג אָפּגעוואָרפן. בײַ די דאָזיקע אומשטאַנדן האָט ד״ר גאָלדמאַן אײַנגעזען, אַז די ציוניסטישע באַוועגונג דאַרף אַרויסקומען מיט אַ געוואַגטן פּלאַן: פאָדערן צו פאַרענדיקן דעם מאַנדאַט־רעזשים און באַנײַען דעם פּראָיעקט פון 1937 וועגן דער טיילונג פון ארץ־ישראל און גרינדן אַ ייִדישע מדינה אין אַ טייל פון לאַנד.

נאָך אײדער די ציוניסטישע פירערשאַפט האָט אָנגענומען דעם דאָזיקן פּלאַן, האָט ד״ר גאָלדמאַן אָנגעהויבן צו אַגיטירן פאַר אים מיט דער גאַנצער אָגטשלאָסנקייט. און ווען די ציוניסטישע עקזעקוטיווע האָט זיך פאַרזאַמלט אויף אַ סעסיע אין פּאַריז אין יולי 1946, האָט ד״ר גאָלדמאַן פאָרגעלייגט, אַז דער טיילונגס־פּלאַן זאָל ווערן די אָפיציעלע ציוניסטישע פאָדערונג, און אַז מען זאָל בעטן די שטיצע פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג פאַר דעם פּלאַן, בכדי צו האָבן די נייטיקע ווירקונג אויף ענגלאַנד. ד״ר גאָלדמאַן האָט פאָרמולירט דעם טעקסט פון אַ רעזאָלוציע, אין וועלכער עס איז דערקלערט געוואָרן: „די ציוניסטישע עקזעקוטיווע איז גרייט צו דיסקוטירן אַ פאָרשלאָג וועגן דער גרינדונג פון אַ לעבנספעיִקער ייִדישער מדינה אין אַ פּאַסיקער געגנט פון ארץ־ישראל״. די רעזאָלוציע איז אָנגענומען געוואָרן מיט די שטימען פון צען מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע. איין מיטגליד האָט געשטימט קעגן, און איינער האָט זיך אָפּגעהאַלטן פון שטימען. דער דאָזיקער באַשלוס פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע האָט — ווי עס איז אין גיכן קלאָר געוואָרן — געהאַט אַ היסטאָרישע באַדײַטונג, אויסטרעטנדיק דעם וועג פאַר דער גרויסער און דעצידירנדיקער ייִדישער פּאָליטישער אַקציע, וואָס האָט סוף־כל־סוף דערפירט דערצו, אַז די אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער זאָל אָננעמען דעם טיילונגס־פּלאַן מיט דעם באַשלוס צו גרינדן אַ ייִדישע מדינה אין אַ טייל פון ארץ־ישראל.

נאָך דעם ווי די ציוניסטישע עקזעקוטיווע האָט אָנגענומען גאָלדמאַנס פאָרשלאָג, האָט מען אים אָנגעטרויט דאָס שליחות צו פאָרן באַלד קיין וואַשינגטאָן און באַקומען אַמעריקעס צושטימונג צו דעם טיילונגס־פּלאַן. די ציו־

ניסטישע עקזעקוטיווע האָט איבערגעריסן אירע זיצונגען אין פּאַריז, וואַרטנ־דיק אויף דעם רעזולטאַט פון גאָלדמאַנס נסיעה.

דאָס איז געווען די וויכטיקסטע מיסיע אין ד״ר גאָלדמאַנס גאַנצער אינטענסיווער פּאָליטישער אַרבעט, אין פאַרלויף פון צענדליגער יאָרן. ביי אַ פריערדיקער געלעגנהייט האָט וויצמאַן זיך געהאַט אויסגעדריקט: „די צווייטע באַלפור־דעקלאַראַציע וועט דאַרפן קומען פון וואַשינגטאָן“. דאָס אויספּועלן די צושטימונג פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג צו דעם צעטיילונגס־פּלאַן האָט אין אַ געוויסן זינען — ווי עס האָט זיך שפּעטער אויך אַרויסגעשטעלט — געמיינט צו באַקומען אין וואַשינגטאָן אַ „נייע באַלפור־דעקלאַראַציע“. גאָלד־מאַן האָט געהאַט פאַר זיך אַ שווערע און זייער קאָמפּליצירטע אויפגאַבע: צו פאַרהאַנדלען מיט די פירערס פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג. פּרעזידענט טרומאַן האָט שוין געהאַט באַשטימט אַ פּאַלעסטינע־קאָמיסיע, וואָס זאָל אים צושטעלן אַ פאָרשלאָג וועגן דער לייזונג פון דער ארץ־ישראל־פראַגע, אין וועלכער די אַמעריקאַנער רעגירונג איז געוואָרן שטאַרק אַריינגעצויגן נאָך דער מלחמה. צו דער קאָמיסיע האָבן געהערט דריי מיטגלידער פון טרומאַנס קאַבינעט: דער וויצע־אויסערן־מיניסטער דין עטשיסאָן, דער פינאַנץ־מיניסטער דזשאָן וו. סניידער און דער פאַרטיידיקונג־מיניסטער ראָבערט פּ. פּעטערסאָן. מיט זיי האָט ד״ר גאָלדמאַן געדאַרפט פאַרהאַנדלען און זיי געווינען פאַר דעם טיילונגס־פּלאַן, בכדי זיי זאָלן דעם דאָזיקן פאָרשלאָג רעקאָמענדירן פּרעזידענט טרומאַנען פאַר זיין באַשלוס.

די קריטישע פאַרהאַנדלונגען מיט זיי האָבן זיך פאַרצויגן אין משך פון עטלעכע שווערע טעג, וואָס זיינען געווען פול מיט דראַמאַטישע מאָמענטן. עטשיסאָנען און סניידערן איז גאָלדמאַנען געלונגען צו איבערצייגן, אַז דער טיילונגס־פּלאַן, מיט דער גרינדונג פון דער יידישער מדינה אין אַ טייל פון לאַנד, איז דער איינציקער אויסוועג פון דעם געפערלעכן פּאָליטישן קריזיס אין ארץ־ישראל אין יענער צייט, וואָס האָט שוין געהאַט אָנגענומען אַן אינ־טערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער. גרויסע שוועריקייטן זיינען אַנטשטאַנען צו באַ־קומען די צושטימונג פון דריטן מיטגליד פון דער קאָמיסיע, דעם פאַרטיידי־קונג־מיניסטער פּעטערסאָן. אַ באַדייטנדיקע ווירקונג אויף פּעטערסאָנען האָט געקאָנט האָבן דער דעמאָלטדיקער פּרעזידענט פון אַמעריקאַנער יידישן קאָ־מיטעט, ריכטער דזשאָזעף פּראָסקאַוער, זיינער אַ נאָענטער פריינד. אָבער פּראָסקאַוער איז געווען אַ קעגנער פון דער אידעע וועגן אַ יידישער מדינה. אין אַ דראַמאַטישן שמועס האָט גאָלדמאַן צו אים אַפּעלירט, אַז ער זאָל זיך נישט שטעלן אין וועג קעגן דער פאַרווירקלעכונג פון דעם באַשלוס פון דער ציוניסטישער פירערשאַפט און פון דעם ישוב אין ארץ־ישראל — דער באַ־

שלום, וואָס וועט ברענגען די באַפרײַונג פון הונדערטער טויזנטער ייִדן פון דער שארית הפליטה אין אייראָפּע, וועלכע וועלן קומען קיין ארץ־ישראל. פּראָסקאָוער האָט זיך געלאָזט איבעררײדן און האָט אַפילו מסכים געווען צו גײן צוזאַמען מיט גאָלדמאַנען צו פּעטערסאָנען. ער האָט דאָס געטאָן, און ווען פּעטערסאָן האָט אויסגעהערט גאָלדמאַנס פֿאָרשלאָג און פּראָסקאָוערס צושטימונג, האָט ער געענטפערט, אַז אויב דער פּלאַן קומט פון אַזעלכע צוויי ייִדישע פירערס, וואָס געהערן צו צוויי באַזונדערע לאַגערן אין ייִדישן פּאָליטישן לעבן, וועט ער אים שטיצן. די קאָמיסיע האָט דאַן צוגעשטעלט פּרעזידענט טרומאַנען אַן אײַנשטימיקן באַריכט מיט דער רעקאָמענדאַציע אָנצונעמען דעם טײלונגס־פּלאַן ווי די אָפיציעלע אַמעריקאַנער שטעלונג צו דער פּראָבלעם וועגן דער לייזונג פון דער ארץ־ישראל־פּראַגע.

די קריטישע פאַרהאַנדלונגען אין וואַשינגטאָן האָבן זיך פאַרצויגן עטלעכע טעג אין גרויס שפּאַנונג, בשעת די ציוניסטישע עקזעקוטיווע האָט געוואַרט אין פּאַריז אויף ד"ר גאָלדמאַנס ענטפער. קיין מאָל איז פריִער קיין שום ציוניסטישע מיסיע ניט דורכגעפירט געוואָרן אין אַזעלכע שווערע באַדינגונגען, ווען עס איז געווען נייטיק צו האַנדלען גיך; איבערצײַגן אַ גאַנצע רײ פאַקטאָרן, ענדערן מיינונגען פון דעציזירנדיקע פּערזענלעכקייטן און אַרויסקריגן אַן אָפיציעלן אַקט פון דער רעגירונג פון אײַנפלוסרײַכסטן און מעכטיקסטן לאַנד אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטישער אַרענע. דעם 9טן אויגוסט איז געקומען דער קלימאַקס, ווען טרומאַנס אַ נאָענטער מיטאַרבעטער האָט מיטגעטײלט גאָלדמאַנען, אַז דער פּרעזידענט האָט אַן רעזערוואַציעס אָנגענומען דעם טײלונגס־פּלאַן פון ארץ־ישראל און האָט אינסטרויִרט דעם וויצע־אויסערן־מיניסטער דין עטשיסאָן, אָפיציעל צו אינפאָרמירן וועגן דעם דער בריטישער רעגירונג.

דאָס איז געווען דער באַשטימענדיקסטער מאָמענט איגעם קאַמף פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון טײלונגס־פּלאַן, מיט דער באַנײַונג פון דער ייִדישער מדינה אין אַ טייל פון ארץ־ישראל. און פאַר ד"ר גאָלדמאַנען איז דאָס געווען דער גרעסטער דערפאָלג אין זײַן לאַנגיעריקער פּאָליטישער אַרבעט — דער דערפאָלג, וואָס האָט שפּעטער געעפנט אַ נײַ קאַפּיטל אין דער ייִדישער געשיכטע: די ווידעראויפריכטונג פון מדינת ישראל נאָך צוויי טויזנט יאָר.

15

„סימבאָל און שרעקבילד פון טיילונגספּלאַן"

שווערע קאַמפן, אויסנווייניקסטע און אינעווייניקסטע, האָבן נאָך געדאַרפט געפירט ווערן צו רעאַליזירן דעם טיילונגספּלאַן. נאָכן ברענגען דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אין פּאַריז די צושטימונג פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג — די „באַלפור־דעקלאַראַציע פון וואַשינגטאָן", ווי דאָס וואָלט טאַקע געקאָנט באַצייכנט ווערן אין אַ געוויסן זינען — האָט ד"ר גאָלדמאַן אָנגעהויבן פאַרהאַנדלען וועגן דעם מיטן ענגלישן אויסערן־מיניסטער ערנסט בעווין. דער רעזולטאַט איז געווען אַ נעגאַטיווער. בעווין האָט זיך אָפּגעזאָגט צוצושטימען צו דעם פּלאַן. גאָלדמאַן האָט דאַן גענומען פאַרהאַנדלען מיט אַנדערע מיטגלידער פון דער ענגלישער רעגירונג. און ווען די דאָזיקע שמועסן זײַנען נאָך אָנגעגאַנגען, האָט זיך פאַרזאַמלט אין באַזעל, אין דעצעמבער 1946, דער ציוניסטישער קאָנגרעס — דער ערשטער קאָנגרעס נאָכן צווייטן וועלט־קריג — וועלכער האָט געדאַרפט אָננעמען די ענדגילטיקע שטעלונג פון דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג צו דעם טיילונגספּלאַן. בײַ דעם קאָנגרעס, וועלכער איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין דער טראַגישער לאַגע נאָכן חורבן פון אייראָפּעיִשן ייִדנטום, האָט די דעבאַטע וועגן דעם טיילונגס־פּלאַן אָנגענומען נאָך אַ פיל שווערערן און מער פײַנלעכן כאַראַקטער, ווי בײַם ציוניסטישן קאָנגרעס אין 1937 אין ציריך, וועגן דעם ערשטן טיילונגס־פאָרשלאָג. די ציוניסטישע פירערשאַפט האָט בײַם קאָנגרעס אין באַזעל איבערגעלאָזט כמעט אין גאַנצן פאַר גאָלדמאַנען צו פאַרטיידיקן דעם טיילונגספּלאַן, אַזוי אַז ער איז אין זײַן הויפּטרעדע בײַ דעם קאָנגרעס געווען געצוווּנגען צו דערקלערן: „איך בין געוואָרן דער סימבאָל און דאָס שרעקבילד פון דעם טיילונגס־פּלאַן".

אָבער ניט געקוקט אויף דעם, האָט גאָלדמאַן ניט נאָר זיך ניט צוריקגעהאַלטן פון דער שטאַרקסטער פאַרטיידיקונג פון דעם פּלאַן, נאָר איז אויך אַרויסגעקומען מיט אַ שאַרפער וואָרענונג: „מיר האָבן פאַר זיך אַ דרינגענדיקע פּראָבלעם" — האָט גאָלדמאַן באַטאָנט מיט דער גאַנצער פעסטקייט און אַנטשלאָסנקייט — „אויב עס וועט ווײַטער אַזוי אָנגיין אין ארץ־ישראל, אַזוי ווי איצט, וועט מוזן קומען צו אַ קראַך. מיר דאַרפן געפינען דעם מוט אין זיך אַליין אויפצובויען אַ באַזע, פון וועלכער מיר זאָלן קאָנען דורכברעכן אַלע שטערונגען, אַרויסגיין פון קלעם און עפענען די טויערן פון ארץ־ישראל — אויב ניט פון גאַנץ ארץ־ישראל, איז פון דעם גרעסטן טייל פון לאַנד —

עפּענען די טויערן פאַר אַ באַלדיקער גרויסער עליה פון ייִדן און לייגן דעם יסוד פאַר דער באַפרייַונג פון פרעמדער הערשאַפט, בכדי מיר זאָלן זיצן אין דעם גרעסטן טייל פון לאַנד און ניט זיַין אָפּהענגיק פון אַ קאָלאָניאַלן רעזשים; בכדי מיר זאָלן זיַין אַ פאָלק מיט אַ זעלבשטענדיקן סטאַטוס; אַ פאָלק מיט כבוד, און אַ ממשותדיקער פּאָליטישער פאַקטאָר אין דער וועלט״.

נאָך אַ לאַנגער און שטורמישער דעבאַטע האָט אַ מערהייט פון קאָנגרעס אָנגענומען דעם טיילונגספּלאַן.

נאָכן קאָנגרעס אין באַזעל זיַינען אין פאַרלויף פון עטלעכע חדשים נאָך אָנגעגאַנגען פאַרהאַנדלונגען מיט דער ענגלישער רעגירונג וועגן אַנדערע פאָרשלאָגן און פשרות, בעיקר וועגן דערמעגלעכן אַ גרויסע עליה, אָבער אָן שום רעזולטאַט. די וויַיטערדיקע אַנטוויקלונג איז געווען, אַז די מאַנדאַט־רע־גירונג האָט איבערגעגעבן די גאַנצע פּראָבלעם צו דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער, און דער צענטער פון דער פּאָליטישער אַקציע האָט זיך אַריבערגעטראָגן קיין ניו־יאָרק. ד״ר גאָלדמאַן איז געווען אין דער דע־לעגאַציע, וואָס האָט רעפּרעזענטירט די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע און די ייִדישע אַגענטור אין די פאַרהאַנדלונגען פון די פאַראייניקטע פעלקער, פריִ־ער ביַי דער אויסערגעוויינטלעכער סעסיע, אין פרילינג 1947, וואָס איז גערופן געוואָרן ספּעציעל צו באַהאַנדלען די ארץ־ישראל־פּראָבלעם, און דערנאָך ביַי דער רעגולערער צווייטער יערלעכער סעסיע פון דער פאַרזאַמלונג פון די פאַראייניקטע פעלקער אין די האַרבסט־חדשים פון דעם יאָר. ד״ר אבא הלל סילווער, דער פאָרזיצער פון דער אַמעריקאַנער סעקציע פון דער ייִדישער אַגענטור; משה שרת, הויפּט פון דער פּאָליטישער אָפּטיילונג; און ד״ר עמנואל ניומאַן, מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע — זיַינען געווען די פאַרטרעטערס, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט דירעקט אין די זיצונגען פון דער ספּעציעלער „יון״־קאָמיסיע פאַר דער ארץ־ישראל־פּראָבלעם און פאָרמולירט די ייִדישע פאָדערונגען. זייער אַ שטאַרקן איַינדרוק האָט געמאַכט דער אַרויסטריט פון ד״ר חיים וויצמאַן פאַר דער קאָמיסיע. ד״ר גאָלדמאַנען איז אָנפאַרטרויט גע־וואָרן די שווערע און קאָמפּליצירטע אויפגאַבע צו שטיין אין קאָנטאַקט מיט די דעלעגאַציעס פון די באַזונדערע לענדער, מיטגלידער פון די פאַראייניקטע פעלקער, וועלכע זיַינען דאַן געווען אין דער צאָל פון אַרום זעכציק, און פאַר־האַנדלען מיט זיי צו באַקומען זייער שטיצע. פון אָנהייב אָן איז געוואָרן קלאָר, אַז מען דאַרף זיך קאָנצענטרירן אויף דעם טיילונגספּלאַן און זען, אַז די אָרגאַ־ניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער זאָל אים אָננעמען.

אין פאַרלויף פון לאַנגע חדשים איז אָנגעפירט געוואָרן אַ זייער אָנגע־שטרענגטע פּאָליטישע אַקציע, אין וועלכער עס זיַינען געווען אַ סך קריזיסן,

און דער רעזולטאַט איז ניט געווען זיכער כמעט ביזן לעצטן מאָמענט. אַ זייער גרויסע הילף איז געווען אַמעריקעס צושטימונג צום טיילונגספּלאַן, וואָס גאָלדמאַן האָט באַקומען — ווי שוין דערמאָנט — נאָך אין זומער 1946, און די אַנטשלאָסענע שטעלונג, וואָס די אַמעריקאַנער דעלעגאַציע האָט אָנגענומען ביי די פאַרהאַנדלונגען אין דער פעלקער־אָרגאַניזאַציע. די גרויסע פּאָזיטיווע איבעראַשונג איז געקומען, ווען דער סאָוועטישער דעלעגאַט אַנדריי גראָמיקאָ איז אַרויסגעטראָטן פאַר דעם פּלאַן, און דערמיט איז פאַרזיכערט געוואָרן די שטיצע פון גאַנצן קאָמוניסטישן בלאָק. ביזן סאַמע לעצטן מאָמענט האָט ד״ר גאָלדמאַן פאַרהאַנדלט מיט דער פראַנצויזישער דעלעגאַציע, וואָס איר צושטימונג האָט געקאָנט ברענגען מיט זיך די הסכמה פון די אַנדערע מערב־אייראָפּעישע מלוכות. די ענגלישע דעלעגאַציע האָט פון אָנהייב אָן דערקלערט, אַז זי „וועט שטיין אָן אַ זייט". פאַקטיש האָט דאָס געמיינט, אַז זי האָט געשטערט דאָס דורכפירן דעם טיילונגספּלאַן. נאָך די עטלעכע חדשים, ווען עס איז אָנגעפירט געוואָרן די גרעסטע און אָנגעשטרענגסטע יידישע פּאָליטישע אַקציע אין דער מאָדערנער געשיכטע פון יידישן פאָלק, איז געקומען דער היסטאָרישער מאָמענט פון שבת־צו־נאַכטס, דעם 29סטן נאָוועמבער 1947, ווען די אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער האָט מיט אַ גרויסער מערהייט — אַ סך מער פון די נייטיקע צוויי דריטל שטימען — אָנגענומען דעם טיילונגס־פּלאַן פון ארץ־ישראל מיט דעם באַשלוס צו גרינדן אַ יידישע מדינה אין אַ טייל פון לאַנד.

דאָס איז געווען אַ הערלעכער יידישער און ציוניסטישער נצחון. אין דעם באַשלוס פון דער „יון" איז געווען פאָרויסגעזען דער טערמין, ווען די באַניטע יידישע מדינה וועט נאָך אַ קאָמפּליצירטער פּראָצעדור פּראָקלאַמירט ווערן: דעם 15טן מיי 1948. אין דער גאַנצער יידישער וועלט איז געווען גרויס די פרייד, און אומעטום האָט מען זיך אָפּגעגעבן מזל־טוב מיט דעם היסטאָרישן נצחון. דאָך האָט ד״ר גאָלדמאַן אין יענעם הערלעכן אָוונט אין ניו־יאָרק — ווען יידן האָבן זיך געפרייט אין די גאַסן — געוואָרנט, ווי דוד בן־גוריון האָט דאָס געטאָן אין תל אביב, פאַר די גרויסע שוועריקייטן און געפאַרן, וואָס דערוואַרטן נאָך אין דער צוקונפט, סיי צו פּראָקלאַמירן די מדינה און סיי צו פאַרזיכערן איר קיום.

16

אין שטורעם פון די פארהאנדלונגען מיט דייטשלאנד

בכדי צו האבן גרעסערע מעגלעכקייטן אין דער אקציע אפצושטויסן די גרויסע געפארן, וואס ד״ר גאלדמאן האט פארויסגעזען, האט ער באשלאסן ניט אנצונעמען דעם אנבאט, וואס מען האט אים געמאכט, אריינצוטרעטן אין דער ערשטער, פראוויזארישער רעגירונג פון דער פראקלאמירטער מדינת ישראל, נאר זיין וויטער אויף דער אינטערנאציאנאלער פאליטישער ארענע און גלייכצייטיק אויך ארגאניזירן דאס יידישע פאלק צו באשיצן און פארזיכערן דעם קיום פון דער מדינה.

באלד האט זיך באוויזן אן אויפגאבע, וואס איר דורכפירונג איז גלייך פון אנהייב באטראכט געווארן ווי העכסט וויכטיק און ניצלעך פאר דער באנייטער יידישער מדינה, און וואס איר באדייטונג פאר די מאטעריעלע און פאליטישע אינטערעסן פון יידישן פאלק איז — ווי ס׳האט זיך שפעטער ארויסגעוויזן — גאר בכלל אוממעגלעך אפצושאצן. דאס איז געווען די היסטארישע אקציע צו באקומען פון נאכמלחמהדיקן דייטשלאנד אנטשעדיקונגען פאר מדינת ישראל, פאר דעם ארגאניזירטן יידנטום אין די תפוצות און אינדיווידועל פאר יידן פון דער שארית הפליטה, וועלכע האבן געליטן פון די נאצי־פארפאלגונגען און פייניקונגען. פון אנהייב אן איז ארום דער דאזיקער אקציע אנגעגאנגען א גרויסער און שארפער אינערלעכער קאמף, א אידעאלאגישער און עמאציאנעלער, צווישן יידן פון אלע טיילן און גרופעס. און ד״ר גאלדמאן, וועלכער האט גענומען אויף זיך די איניציאטיוו און די אנפירונג פון דער אקציע, איז געווען די צענטראלע פיגור, קעגן וועלכער עס זיינען געווען געווענדט אלע אנגריפן און אויך פערזענלעכע דראונגען.

א גרויסער טייל פון דער יידישער וועלט, די מערהייט, האט געהאלטן, אז מען טאר בכלל ניט פארהאנדלען מיט דייטשן — נאך דעם, ווי די פירערס פון דריטן רייך האבן אומגעבראכט זעקס מיליאן יידן און חרוב געמאכט דאס יידישע לעבן אין אייראפע. עס איז געווען זייער א שווערער און זייער פאראנטווארטלעכער נסיון פאר ד״ר גאלדמאנען. און אין די שפעטערדיקע יארן האט ער וועגן דעם דערקלערט: „איך האב תמיד זיך אפגעגעבן א רעכענונג וועגן דעם עמאציאנעלן כאראקטער פון דער פראבלעם. אפילו אין די קריטישסטע חדשים, ווען א גרויסער טייל פון דער יידישער עפנטלעכער מיינונג, סיי אין מדינת ישראל און סיי אין חוץ לארץ, האט מיר פארגעווארפן, אז

איך בין אַ פֿאַררעטער פֿון ייִדישן כּבוד, און ווען איך האָב פֿאַר אָנפֿירן מיט דער אַקציע געדאַרפֿט מאַכן מײַנע נסיעות אין דער באַגלייטונג פֿון אַ ישׂראל־דיקן לײַבוועכטער — האָב איך געזאָגט עפֿנטלעך און פּריוואַט, אַז איך פֿאַר־שטיי און רעספּעקטיר די שׂנאה, וואָס מײַן האַנדלונג האָט אַרויסגערופֿן. אָבער עס איז תּמיד געווען מײַן מיינונג, אַז פֿעלקער טאָרן ניט דערלאָזן, אַז זייערע אינטערנאַציאָנאַלע באַציִונגען זאָלן זײַן דיקטירט בלויז דורך עמאָציעס. און איך האָב געהאַלטן, אַז דאָס ייִדישע פֿאָלק, וואָס האָט באַוויזן צו באַנײַען זײַן אייגענע מדינה, וועלכע דאַרף געווינען אַ פּאָזיציע און מאַכט אין דער וועלט און דאַרף זען, אַז אירע פֿאָדערונגען זאָלן דערפֿילט ווערן, טאָר זיך ניט דער־לויבן אויף אַזאַ עמאָציאָנעלער האַנדלונג".

דער אינעווייניקסטער וויכּוח אין די ייִדישע רייען אַרום דער פּראָבלעם פֿון אויפֿמאָנען אַנטשעדיקונגען בײַם נאָכמילחמהדיקן דײַטשלאַנד האָט אויך עט־לעכע יאָר אָפּגעצויגן און געמאַכט נאָך שווערער די אַקציע, וואָס ד״ר גאָלד־מאַן האָט אויסגעפּלאַנט און זיך אונטערגענומען דורכצופֿירן. אין די פֿריִער־דיקע קאַפּיטלען איז אָנגעוויזן געוואָרן, אַז שוין אין די מלחמה־יאָרן — אין 1941 און 1944 — איז דער ייִדישער וועלטקאָנגרעס אויף די קאָנפֿערענצן אין באַלטימאָר און אין אַטלאַנטיק סיטי אַרויסגעקומען מיט דער פֿאָדערונג וועגן אַנטשעדיקונג פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק נאָך דער מלחמה. די לאַגע, וואָס האָט זיך געשאַפֿן נאָכן קריג, האָט געשטעלט די דאָזיקע אַקציע פֿאַר אומגעהײַערע קאָמפּליקאַציעס און שוועריקייטן, אין צוגאָב צו דער לײַדנשאַפֿטלעכער קעג־נערשאַפֿט פֿון גרעסטן טייל פֿון ייִדישן פֿאָלק, אַז עס זאָלן בכלל ניט געפֿירט ווערן קיין פֿאַרהאַנדלונגען מיט דײַטשלאַנד. די באַזע, אויף וועלכער די דאָזי־קע פֿאַרהאַנדלונגען האָבן געקאָנט געפֿירט ווערן, איז געווען אַן אַבסאָלוט נײַע און אײנציקאַרטיקע אין דער געשיכטע פֿון פֿאַרהאַנדלונגען מיט מלוכות. עס איז ניט געווען קיין פּרעצעדענט צו פֿאָדערן פֿון אַ מלוכה, אַז זי זאָל נעמען אויף זיך די מאָראַלישע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט און צאָלן גרויסע אַנט־שעדיקונגען פֿאַר פֿאַרברעכנס, וואָס זײַנען באַגאַנגען געוואָרן קעגן אַ ניט־אָרגאַניזירטער עטנישער גרופּע, וואָס האָט ניט קיין אייגענע מדינה, ווי עס איז געווען די לאַגע פֿון ייִדישן פֿאָלק בעת דעם חורבן פֿון אייראָפּעיִשן ייִדנ־טום אין די היטלער־יאָרן. עס איז ניט געווען קיין באַזע אין אינטערנאַציאָנאַלן געזעץ אַרויסצוקומען מיט קאָלעקטיווע ייִדישע פֿאָדערונגען בײַ אַזעלכע באַ־דינגונגען. און ניט דאָס ייִדישע פֿאָלק, און אויך ניט מדינת ישׂראל האָבן ניט געקאָנט באַנוצן קיין פּאָליטישן דרוק צו צווינגען דאָס נאָכמלחמהדיקע דײַטשלאַנד צו אָנערקענען די ייִדישע פֿאָדערונגען.

ד״ר גאָלדמאַן האָט זיך אַרײַנגעלאָזט אין אַן אַקציע, וואָס האָט ניט געהאַט

קיין פרעצעדענט, ניט אין דער יידישער און ניט אין דער ניט־יידישער געשיכטע, אַנשטויסנדיק זיך דערביי אויף אומגעהייערע שוועריקייטן, סיי אין דער יידישער סביבה, סיי אין דייטשלאַנד. עטלעכע נאָענטע מיטאַרבעטערס אין יידישן וועלטקאָנגרעס האָבן פון אָנהייב אָן זיך געשטעלט ביי דער זייט פון ד״ר גאָלדמאַנען, און צווישן זיי בעיקר ד״ר נח באַרו אין לאָנדאָן. און די רעגירונג פון מדינת ישראל האָט אין 1951 געמאַכט דעם ערשטן שריט דורך שיקן צוויי נאָטעס צו די אַלייִרטע מלוכות, וועלכע זיינען דאַן געווען די אָקופּאַציע־מאַכטן אין דייטשלאַנד, פאָדערנדיק אַנדערהאַלבן מיליאַרד דאָלאַר אַנטשעדיקונגען, אַ מיליאַרד דאָלאַר פון מערב־דייטשלאַנד און אַ האַלבן מיליאַרד דאָלאַר פון מזרח־דייטשלאַנד. די פאָדערונג האָט זיך געשטיצט אויף דעם חשבון, אַז ישראל האָט אויפגענומען אַן ערך פינף הונדערט טויזנט יידישע נאַצי־קרבנות, און זייער איינאָרדענונג האָט אָפּגעקאָסט דער יידישער מדינה ווינציקסטנס דריי טויזנט דאָלאַר פאַר אַ פּערזאָן.

ד״ר גאָלדמאַן האָט גיך איינגעזען, אַז עס וועט ניט זיין קיין אַנדערער וועג צו דורכפירן די אַקציע, סיידן פאַרהאַנדלען דירעקט מיט דער מערב־דייטשישער רעגירונג. און אַזוי איז אין דער גרעסטער געהיימעניש צו שטאַנד געקומען די ערשטע באַגעגעניש צווישן קאַנצלער קאָנראַד אַדענאַוער און ד״ר נחום גאָלדמאַן, דעם 6טן דעצעמבער 1951, אין קלאַרידזש האָטעל אין לאָנדאָן. נאָך פריִער האָבן ד״ר גאָלדמאַן און זיינע מיטאַרבעטערס דורכגעפירט, אַז אַדענאַוער זאָל, ווי אַ צוגרייטונג צו דער דאָזיקער באַגעגעניש, אָפּגעבן אַ דערקלערונג אין דייטשישן פּאַרלאַמענט, אין בונדעסטאַג, אַז די פעדעראַלע רעפּובליק אָנערקענט דייטשלאַנדס אַחריות פאַר די נאַצישע פאַרברעכנס און לאַדט־איין מדינת ישראל און דאָס וועלט־יידנטום צו פאַרהאַנדלען וועגן אַנטשעדיקונגען. אַדענאַוער האָט געמאַכט די דאָזיקע דערקלערונג אין בונדעסטאַג דעם 21סטן סעפּטעמבער 1951, ביי אַ ספּעציעלער זיצונג, ווען אַלע דעפּוטאַטן פון דייטשישן פּאַרלאַמענט האָבן זיך אויפגעשטעלט צו באַערן דעם אָנדענק פון די יידישע נאַצי־קרבנות. אַדענאַוערס דערקלערונג, אין נאָמען פון דער רעגירונג, איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן.

„פון אַלע מיינע קאָנפערענצן, וואָס איך האָב געהאַט אין משך פון אַלע יאָרן פון מיין פּאָליטישער אַרבעט, איז דער שמועס מיט אַדענאַוערן געווען דאָס שווערסטע עמאָציאָנעל, און פּאָליטיש אפשר דאָס גרעסטע און באַדייטנדיקסטע" — האָט ד״ר גאָלדמאַן שפּעטער געשריבן אין זיינע מעמואַרן. דאָס געשפּרעך האָט זיך פאַרצויגן איבער אַ שעה צייט. ד״ר גאָלדמאַן האָט אָנגעהויבן מיט אָנווייזן אויף די גאַנץ אומגעוויינטלעכע אומשטאַנדן, ווען אַ פאָרשטייער פון יידישן פאָלק דאַרף צום ערשטן מאָל זינט היטלערן זיך באַגע-

געגען מיט דעם פירער פון דײַטשלאַנד. גאָלדמאַן האָט געשילדערט דעם ביטערן קאַמף צווישן ייִדן אַליין אַרום דער פּראָבלעם. דאָס ייִדישע פאָלק וועט קיין מאָל ניט פאַרגעסן די פאַרברעכנס פון די נאַציס און וועט קיין מאָל ניט מוחל זײַן דײַטשלאַנד פאַר די רציחות. און קיין שום אַנטשעדיקונגען וועלן ניט קאָנען אָפּוואַשן און אָפּשוואַכן דײַטשלאַנדס שולד — האָט גאָלדמאַן באַטאָנט. אויב מערב־דײַטשלאַנד וועט ווײַזן אַ זשעסט און וועט לכל הפחות זיך



גאָלדמאַן און דער קאַנצלער קאָנראַד אַדענאַוער

פאַרפליכטן צו געבן דער ייִדישער מדינה און דעם ייִדישן פאָלק מאַטעריעלע צאָלונגען פאַר די באַגאַנגענע פאַרברעכנס פון די נאַציס, וועט זי דערמיט דעמאָנסטרירן, אַז עס איז אויפגעשטאַנען אַ נײַ דײַטשלאַנד, וואָס וויל איבעררײַסן מיטן נאַציזם. און עס דאַרף זײַן אַ כבוד פאַרן נײַעם דײַטשלאַנד בײַצושטײַערן צו דער אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער מדינה — האָט ד״ר גאָלדמאַן אויסגעפירט.

אַדענאַוער האָט אויסגעזען צו זײַן זייער גערירט און ער האָט געענטפערט: „ד״ר גאָלדמאַן, די וועלכע קענען מיך, ווייסן אַז איך בין אַ מענטש, וואָס

רעדט ווייניק און באַניצט ניט קיין הויכע ווערטער. אָבער איך מוז אײַך זאָגן, אַז ווען איר האָט גערעדט, האָב איך געפילט, ווי די פליגלען פון דער וועלט־געשיכטע וואָלטן געפלאַטערט אין דעם צימער. מײַן פאָרשלאָג צו געבן אַנט־שעדיקונגען איז אויפריכטיק. איך באַטראַכט דאָס פאַר אַ גרויסער מאָראַלי־שער פּראָבלעם און פאַר אַן ערן־חוב פון נײַעם דײַטשלאַנד".

אַדענאַוער האָט דאַן געבעטן גאָלדמאַנען צוצוגרייטן אַ בריוו מיט דעם געהעריקן טעקסט וועגן די פאַרפליכטונגען פאַר אַנטשעדיקונגען, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען אונטערצושרײַבן נאָך אין פאַרלויף פון דעם זעלביקן טאָג. ד"ר גאָלדמאַן האָט גלײַך אויפן אָרט אָפּדיקטירט אַדענאַוערס סעקרעטאַרין דעם טעקסט פון דעם בריוו. און אַדענאַוער האָט געהאַלטן זײַן צוזאָג און נאָך יענעם פאַרנאַכט אונטערגעשריבן דעם בריוו, אַדרעסירט צו גאָלדמאַנען. ד"ר נח בארו האָט אָפּגעבראַכט דעם אונטערגעשריבענעם בריוו און גאָלדמאַן האָט גלײַך מיטגעטיילט וועגן דעם צו ישראלס אויסערן־מיניסטער משה שרת, וועלכער איז דאַן געווען אין פּאַריז.

דאָס איז געווען דער אַנטשיידנדיקער אָנהייב פון די פאַרהאַנדלונגען, וועל־כע האָבן זיך שפּעטער פאַרצויגן אַ לאַנגע צײַט און האָבן געפירט צום דער־פאָלגרײַכן אָפּשלוס, מיט אונטערשרײַבן דעם היסטאָרישן אָפּמאַך אין לוקסעמ־בורג, דעם 10טן סעפּטעמבער 1952. די פאַרהאַנדלונגען מיט די פאָרשטייערס פון מערב־דײַטשלאַנד זײַנען געפירט געוואָרן דורך די פאָרטרעטערס פון דער ישראל־רעגירונג און פון דער קאָנפערענץ פאַר די יידישע מאַטעריעלע תביעות צו דײַטשלאַנד, וואָס איז געשאַפן געוואָרן באַלד אין אָנהייב פון דער אַקציע, אין אָקטאָבער 1951, און וועלכע האָט פאָרטראָטן דאָס וועלט־יידנטום, אַרומ־נעמענדיק צוויי און צוואַנציק צענטראַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס פון אַלע פרײַע לענדער אין אַלע וועלטטיילן. ד"ר גאָלדמאַן איז געוויילט געוואָרן ווי דער פאָרזיצער פון עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון דער פאַראייניקטער קערפּער־שאַפט. ישראלס פאַרלאַמענט, די כנסת, האָט בײַ אַ דראַמאַטישער און שטור־מישער זיצונג — ווען די קעגנער האָבן באַלאַגערט דעם בנין פון דער כנסת מיט אַ ריזיקן עולם פּראָטעסט־דעמאָנסטראַנטן — אָנגענומען מיט אַ מערהייט שטימען דעם באַשלוס צו פירן די פאַרהאַנדלונגען.

אין פאַרלויף פון די זייער קאָמפּליצירטע און שווערע פאַרהאַנדלונגען, וואָס זײַנען געפירט געוואָרן אין אַ פאָרשטאָט פון האַג, האָלאַנד, זײַנען אויס־געבראָכן עטלעכע שאַרפע קריזיסן, בעת וועלכע גאָלדמאַן האָט געדאַרפט ווײַ־טער קאָנפערירן מיט אַדענאַוערן און זוכן אַן אויסוועג. אַ שווערע אויפגאַבע האָבן געהאַט פאַר זיך די עקספּערטן פון ישראל און פון דער קאָנפערענץ פאַר די מאַטעריעלע תביעות צו דײַטשלאַנד — מיט ד"ר נחמיה ראָבינסאָן פון

ייִדישן וועלטקאָנגרעס אין דער שפּיץ — וועלכע האָבן געדאַרפט אויסאַרבעטן דעם טעקסט פון דעם אָפּמאַך וועגן די דײַטשישע צאָלונגען. באַזונדערע שוועריקייטן זײַנען אַנטשטאַנען אין די פאַרהאַנדלונגען, אַז דײַטשלאַנד זאָל אָנערקענען די פאָדערונגען פון וועלט־ייִדנטום, חוץ ישראל, וואָס איז געווען רעפּרעזענטירט דורך דער „קליימס קאָנפערענץ", און וועגן די אַנטשעדיקונגען פאַר די אינדיווידועלע ייִדישע נאַצי־געליטענע. ד"ר גאָלדמאַן האָט אומצייליקע מאָל געמוזט אַליין זיך אַרײַנמישן אין די פאַרהאַנדלונגען און אויסקעמפן, אַז מערב־דײַטשלאַנד זאָל זיך פאַרפּליכטן צו געבן די געהעריקע צאָלונגס־געלטער. דאָס דורכפירן דעם אָפּמאַך מיט אַלע קאָמפּליצירטע פּונקטן האָט אויך געדאַרפט צוגעאײַלט ווערן, ווײַל עס איז געווען נייטיק די גוטהייסונג פון פאַרלאַמענט, דעם בונדעסטאַג, וועלכער האָט געהאַלטן בײַם פאַרענדיקן זײַן פּיריאָדיקן טערמין. בײַ אַ נײַ־געוויילטן פאַרלאַמענט וואָלט מען געדאַרפט אָנהייבן פון דאָס נײַ אַלע פאַרהאַנדלונגען. כמעט אין לעצטן מאָמענט, איידער דער בונדעסטאַג האָט פאַרענדיקט זײַן טערמין און איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען, האָט ער מיט אַ גרויסער מערהייט באַשטעטיקט דעם אָפּמאַך, וואָס איז נאָך לאַנגע פאַרהאַנדלונגען און אומצייליקע שוועריקייטן געשלאָסן געוואָרן אין האַג.

דאָס אונטערשרײַבן דעם אָפּמאַך איז דורכגעפירט געוואָרן בײַ אַ באַשיידענער צערעמאָניע אין לוקסעמבורג, אין זאַל פון שטאָטראָט. אַדענאַוער האָט אונטערגעשריבן דעם אָפּמאַך אין נאָמען פון מערב־דײַטשער רעגירונג; משה שרת אין נאָמען פון ישראל, און נחום גאָלדמאַן אין נאָמען פון דער קאָנפערענץ פאַר די ייִדישע מאַטעריעלע תביעות צו דײַטשלאַנד. קיין שום רעדעס זײַנען ניט געהאַלטן געוואָרן בײַ דער צערעמאָניע. אַדענאַוער, גאָלדמאַן און שרת האָבן שפּעטער בלויז געהאַט צווישן זיך אַ קורצן שמועס, אין אַן אַטמאָספערע, וועלכע איז מיט יעדער מינוט געוואָרן מער פרײַנדלעך און אינטים.

דאָס אונטערשרײַבן דעם אָפּמאַך איז שטאַרק באַגריסט געוואָרן אין ישראל און אין דער ברייטער ייִדישער וועלט אויך דערפאַר, ווײַל זייער ווייניקע האָבן געגלויבט, אַז די פאַרהאַנדלונגען וועלן ברענגען אַ פּאָזיטיוון רעזולטאַט. משה שרת און נחום גאָלדמאַן זײַנען גלײַך אָפּגעפלויגן קיין ישראל, ווו דער פּרעמיער־מיניסטער דוד בן־גוריון האָט זיי באַדאַנקט פאַר די הצלחהדיקע באַמיִונגען. און ווענדנדיק זיך צו גאָלדמאַנען, האָט בן־גוריון אין אַ פײַערלעכער רעדע — וואָס ס'איז ניט געווען זײַן געוווינהייט צו האַלטן בײַ קיין שום אַזעלכע געלעגנהייטן — געזאָגט: „איר און איך האָבן געהאַט דעם זכות בײַצוּווינען צוויי ניסים: די גרינדונג פון מדינת ישראל און דאָס אונטערשרײַבן



גאָלדמאַן רעדט...

דעם אַפּמאַך מיט דײַטשלאַנד. אין דערפֿירן צום ערשטן נס האָבן מיר בײדע זיך באַטײליקט, און דערבײַ האָב איך תּמיד געגלײבט, אַז עס װעט קומען צו דער באַגרינדונג פֿון דער ייִדישער מדינה. צום צװײטן נס האָט איר אַלײן גע־בראַכט, און איך האָב ניט געגלױבט אין דעם ביז דער לעצטער מינוט".

17

פֿאַר דער לײזונג פֿון די גורל־פּראָבלעמען פֿון ייִדישן קיום

„מיטן אָפּשליסן די פֿאַרהאַנדלונגען װעגן די אַנטשעדיקונגען פֿון דײַטש־לאַנד האָט זיך פֿאַרענדיקט דאָס קאַפּיטל פֿון דעם טײל פֿון מײַן קאַ־ריערע, װאָס האָט געהאַט צו טאָן מיט מײַן באַטײליקונג אין דער דורכפֿירונג פֿון די הױפּט־אױפֿגאַבעס פֿון מײַן דור. אין די שפּעטערדיקע יאָרן, נאָך דעם לוקסעמבורגער אָפּמאַך, בין איך געװען פֿאַרנומען מיט גרױסע און װיכטיקע פּראָבלעמען פֿון ייִדישן לעבן, װאָס זײַנען געבליבן ניט געלײזט און זײַנען אױך װײַט פֿון װערן געלײזט הײַנט־צו־טאָג" — האָט גאָלדמאַן געשילדערט אין זײַנע מעמואַרן דעם דאָזיקן איבערגאַנג־מאָמענט אין זײַנע פּאָליטישע אַקטיװיטעטן.

די צװײ הױפּט־פּראָבלעמען, מיט װעלכע ד"ר גאָלדמאַן גיט זיך אָפּ זינט דעמאָלט, זײַנען: די פֿראַגע װעגן שלום צװישן ישׂראל און די אַראַבישע מלוכות, און די פּראָבלעם פֿון די באַציִונגען צװישן דער ייִדישער מדינה און דאָס װעלט־ייִדנטום. פֿאַר דער לײזונג פֿון די בײדע פּראָגעס, װעלכע ד"ר גאָלדמאַן באַטראַכט װי דעציִדירנדיקע פֿאַר דער פֿאַרזיכערונג פֿון װײַטער־דיקן קיום פֿון פֿאַראײניקטן ייִדישן פֿאָלק אין דער נאָענטער צוקונפֿט, און בעיקר אין די קומענדיקע דורות, האָט ער געמאַכט אין משך פֿון די פֿאַר־גאַנגענע צװײ צענדלינג יאָר אַ רײ פּרװון און שריט, פֿאָדערנדיק אָװעקצוגײן פֿון דער רוטין און אונטערצונעמען דרײסטע אַקציעס, קאָנסעקװענט מיט דעם נאָן־קאָנפֿאָרמיסטישן כאַראַקטער פֿון ייִדנטום און דער יחיד־במינודיקער פּאָזיציע, װאָס ייִדן פֿאַרנעמען אין דער װעלט. ד"ר גאָלדמאַנס מײנונגען, װאָס ער האָט װעגן דעם אױסגעדריקט בײַ פֿאַרשײדענע געלעגנהײטן, האָבן ניט תּמיד געפֿונען די אַלגעמײנע צושטימונג און פֿון צײַט צו צײַט אַרױסגערופֿן

שאַרפֿע דיסקוסיעס. סײַ ווי דער פּרעזידענט פֿון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, נאָך דעם ווי ער איז אויסגעוויילט געוואָרן אויף דעם הויכן אַמט דורכן ציוניסטישן קאָנגרעס אין 1956 (זײַענדיק פֿריִער דער פֿאָרזיצער פֿון דער ציוניסטישער וועלט־עקזעקוטיווע, זינט 1951), און סײַ ווי דער פּרעזידענט פֿון ייִדישן וועלטקאָנגרעס — אַ פּאָזיציע, אויף וועלכער מען האָט אים אויף ס'נײַ אויסגעקליבן, בעת דעם צוזאַמענפֿאָר פֿון ייִדישן וועלט־קאָנגרעס אין פֿעברואַר 1975 אין ירושלים — האָט ד"ר גאָלדמאַן אַנטוויקלט אַן אינטענסיווע פּאָליטישע טעטיקייט צו שטאַרקן די אָרגאַניזירונג פֿון וועלט־ייִדנטום און צו באַהאַנדלען און לייזן די נײַע קריטישע ייִדישע פּראָבלעמען, וואָס זײַנען אַנטשטאַנען נאָך דער גרינדונג פֿון מדינת ישראל.

שוין אין זײַן ערשטער רעדע ווי דער פֿאָרזיצער פֿון דער ציוניסטישער וועלט־עקזעקוטיווע, בײַם 22סטן ציוניסטישן קאָנגרעס — דער ערשטער קאָנ־גרעס, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ירושלים — אין אויגוסט 1951, האָט ד"ר גאָלדמאַן, באַנײַענדיק די טראַדיציע פֿון די מאַקס נאָרדוי־רעדעס בײַ די ערשטע קאָנגרעסן, באַהאַנדלט ברייט און טיף דעם ייִדישן מצב אין דער וועלט, באַטאָנענדיק די אַקטועלסטע פּראָבלעמען פֿאַר מדינת ישראל און פֿאַרן וועלט־ייִדנטום. און ווי אויף איינעם פֿון די הויפּט־פּראָבלעמען האָט ד"ר גאָלד־מאַן אָנגעוויזן אויף דער נויטווענדיקייט צו „זיכערן די אייניקייט פֿון ייִדישן פֿאָלק, כל זמן עס איז נאָך ניט אין גאַנצן קאָנצענטרירט אין זײַן אייגענעם לאַנד, און אויפֿהאַלטן דאָס ייִדישע לעבן און די ייִדישע ווערטן אומעטום, ווו ייִדן זאָלן זיך ניט געפֿינען". ד"ר גאָלדמאַן האָט די דאָזיקע אויפֿגאַבע באַ־צייכנט ווי אַ הויפּטציל פֿון ציוניזם, און האָט אין די שפּעטערדיקע יאָרן געמאַכט גרויסע אָנשטרענגונגען צו שאַפֿן די אייניקייט פֿון ייִדישן פֿאָלק דורכן ייִדישן וועלטקאָנגרעס.

בײַ דער דערעפֿענונג פֿון 24סטן ציוניסטישן קאָנגרעס — אין ירושלים, אין אַפּריל 1956 — וואָס איז געשטאַנען אונטערן צייכן פֿון דער אָנקומענדי־קער נײַער מלחמה צווישן ישראל און די אַראַבישע מלוכות — האָט ד"ר גאָלדמאַן, וועלכער איז בײַ דעם קאָנגרעס געוויילט געוואָרן ווי דער פּרעזי־דענט פֿון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, געווידמעט כמעט זײַן גאַנ־צע רעדע דער ישראל־אַראַבישער פּראָבלעם. באַטאָנענדיק, אַז מדינת ישראל און דאָס ייִדישע פֿאָלק האַלטן אויסגעשטרעקט די האַנט נאָך שלום, האָט ד"ר גאָלדמאַן געוואָרנט, אַז די אַראַבער זאָלן דאָס ניט אָננעמען פֿאַר קיין צייכן פֿון שוואַכקייט, און אַז זיי זאָלן ניט מיינען, אַז „דאָס ייִדישע פֿאָלק אין די תּפֿוצות וועט מיד ווערן צו שטיצן ישראל". און ד"ר גאָלדמאַן האָט אויסגעפֿירט: „פֿון דער דאָזיקער טריבונע גיבן מיר אַרויס אַ רוף צום ייִדישן פֿאָלק,

אַז ער זאָל מאָביליזירן אַלע זײַנע כוחות אויף אַ וועג, וואָס האָט ניט זײַן גלײַכן אין אונדזער פאַרגאַנגענהייט, אויף אַ פיל ברייטערן וועג, ווי מיר זײַנען געוווינט ביז איצט, פון אַלע שטאַנדפּונקטן — ווירטשאַפטלעכן, פינאַנציעלן, פּאָליטישן, און אַפילו אין מאָביליזירן מענטשלעכע כוחות, אויב מיר ווילן דערצו ווערן אויפגעפאָדערט".

אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט ד"ר גאָלדמאַן געמאַכט אומצייליקע פּרוּוון און באַמיִונגען צו געפינען אַ לייזונג פאַרן סכסוך און דערגרייכן שלום צווישן ישראל און די אַראַבישע מלוכות. ער האָט געפירט פאַרהאַנדלונגען און האָט אָנגעקניפּט קאָנטאַקטן מיט די פירנדיקע שטאַטלײַט פון ביידע גרויסע בלאָקן — פון די דעמאָקראַטישע מלוכות און פון די קאָמוניסטישע לענדער — צווישן זיי מיטן רומענישן פּרעזידענט ניקאָלאַע טשאַושעסקו און מיטן יוגאָסלאַווישן פּרעזידענט מאַרשאַל טיטאָ — און פון די מדינות פון דער דריטער וועלט. אַרײַנגערעכנט אַ ניט צו שטאַנד געקומענע באַגעגעניש מיט דעם פאַרשטאָרבענעם פּרעזידענט פון עגיפּטן, נאַסער.

בײַם באַהאַנדלען די פראַגע פון ישראל־אַראַבישן קאָנפליקט און פון זײַנע עווענטועלע לייזונגען, איז ד"ר גאָלדמאַן אָפט מאָל אַרויסגעקומען מיט ניט־קאָנווענציאָנעלע פאָרשלאָגן. פּונקט ווי בײַ דער דורכפירונג פון דעם טיילונג־פּלאַן פון ארץ־ישראל און אויך אין דער פראַגע וועגן אָנטשעדיקונגען פון דײַטשלאַנד, האָט ד"ר גאָלדמאַן פאַרגעלייגט און געפאָדערט — ווי ער טוט דאָס אויך ביזן הײַנטיקן טאָג — צו מאַכן אַ געוואַגטן שריט, אָוועקלאָזן זיך אויפן וועג פון דרייסטע פּאָליטישע האַנדלונגען, וואָס זאָלן זײַן פרײַ פון עמאָציעס, — שריט וואָס ווען אפשר ניט שטענדיק געפינען די אַלגעמיינע צושטימונג, אָבער זאָלן פירן צום געווּנטשענעם ציל. זײַנע מיינונגען און פּראָיעקטן האָבן ד"ר גאָלדמאַנען געפירט צו חילוקי־דעות מיט אַ טייל פאַרשטייערס פון מדינת ישראל. אין זײַנע מעמואַרן שרײַבט ער וועגן דעם: „הגם איך האָב ניט גע־קאָנט, און איך קאָן אויך איצט ניט, מסכים זײַן מיט די גרונט־פּרינציפּן פון ישראלס אויסערן־פּאָליטיק (כאָטש מײַנע רעזערוואַציעס באַציִען זיך מער צו דער אַלגעמיינער ליניע, ווי צו די ספּעציפישע פּונקטן), האָב איך געהאַלטן פאַר מײַן חוב, ווי דער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, צו שטיצן די דאָזיקע פּאָליטיק, ניט צוריקהאַלטנדיק זיך, זעלבסטפאַרשטענד־לעך, פון צײַט צו צײַט, פון אויסדריקן מײַן קעגנערישע מיינונג. אָבער ניט געקוקט אויף דעם, און ניט געקוקט אויך אויף מײַנע באַטאָנטע, אָפט אינטימע פּערזענלעכע באַציִונגען מיט אַזעלכע ישראל־מנהיגים ווי אשכול, אבן און ספּיר, האָבן זיך אַנטוויקלט שפּאַנונגען צווישן אונדז". און ד"ר גאָלדמאַן גיט־צו: „דאָס איז געווען איינע פון די סיבות, וואָס האָבן מיך באַוויגן אין 1968

אָנצונעמען דעם באַשלוס, ניט צו בלייבן מער פּרעזידענט פון דער ציוניסטי־שער וועלט־אָרגאַניזאַציע״.

אויך אין דער פּראָבלעם פון די סאָוועטישע יידן קומט פון צייט צו צייט צו מיינונגס־פאַרשיידנקייטן צווישן ד״ר גאָלדמאַנען און אַנדערע יידישע טוערס. ד״ר גאָלדמאַן פאַרטיידיקט דעם שטאַנדפּונקט, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן דורך דעם יידישן וועלטקאָנגרעס, אַז אין צוגאָב צו דער פאָדערונג וועגן פרייער עליה פאַר רוסישע יידן, דאַרף מען אויך זאָרגן, אַז די יידן וואָס וועלן בלייבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד זאָלן האָבן פולע רעכט ווי אַ נאַ־ציאָנאַלע מינדערהייט און קאָנען פריי אַנטוויקלען זייער אייגן יידישן קולטור־רעל און רעליגיעז לעבן, מיט דער מעגלעכקייט צו שטיין אין פרייער פאַר־בינדונג מיטן וועלט־יידנטום. דערביי דאַרף מען באַמערקן, אַז ד״ר גאָלדמאַן איז, סיי ווי דער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע און סיי ווי דער פּרעזידענט פון יידישן וועלטקאָנגרעס, געווען דער ערשטער, וועלכער האָט באַלד נאָך דער וועלט־מלחמה, און נאָך אַפילו פריער, אויפגעשטעלט די פּראָבלעם פון די סאָוועטישע יידן פאַר דער עפנטלעכער מיי־נונג פון דער וועלט. ביי דער סעסיע פון יידישן וועלטקאָנגרעס אין אויגוסט 1961, אין זשענעווע, האָט ד״ר גאָלדמאַן דערקלערט אַז די פראַגע וועגן די דריי מיליאָן יידן אין סאָוועט־רוסלאַנד איז „די פּראָבלעם נומער 1 אין אונד־זער לעבן, אַ פּראָבלעם וואָס שטעלט מיט זיך פאַר איצט די שרעקלעכסטע סכנה פאַר אונדזער צוקונפט, איבער דער געפאַר צו פאַרלירן די דריי מיליאָן יידן פון אונדזער פאָלק, וואָס איז געוואָרן פאַרמינערט דורך דער קאַטאַסט־ראָפע אין דער היטלער־עפּאָכע פון אַכצן מיליאָן ביז צוועלף מיליאָן נפשות״. מען דאַרף אויך אונטערשטרייכן, אַז ד״ר גאָלדמאַן איז געווען דער איניציאַ־טאָר פון דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנפערענץ וועגן פּראָבלעם פון די סאָוועטישע יידן, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין פּאַריז אין 1960 — מיט דער באַטייליקונג פון פּראָמינענטע אייראָפּעישע אינטעלעקטואַלן און פּאָליטישע טוערס. ד״ר גאָלדמאַן, צוזאַמען מיט ד״ר מאַרטין בובער, איז געווען דער הויפּטרעדנער ביי דער קאָנפערענץ, און ער איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ גרינטלעכן און טיפן אַנאַליז פון דער פּראָבלעם פון סאָוועטישן יידנ־טום. זיין רעפעראַט ביי דער קאָנפערענץ איז ביזן היינטיקן טאָג אַ יסודות־דיקער דאָקומענט פאַר דער באַהאַנדלונג פון דער דאָזיקער פּרשה. אויף דער איניציאַטיוו פון יידישן וועלטקאָנגרעס זיינען אַזעלכע קאָנפערענצן אָפּגע־האַלטן געוואָרן אויך אין דרום־אַמעריקע, צענטראַל־אַמעריקע און אַנדערע טיילן פון דער וועלט.

די פּראָבלעם וועגן דער טאַקטיק וואָס דאַרף אָנגעווענדט ווערן אין דעם

קאַמף פאַר די רעכט פון דעם סאָוועטישן ייִדנטום, האָט אָפּט מאָל אַנגענומען זייער שאַרפע פאָרמען. ד״ר גאָלדמאַנס שטאַנדפּונקט אין דער פראַגע איז באַקעמפט געוואָרן, סײַ דורך אייניקע ציוניסטישע פירערס, סײַ דורך געוויסע מיטגלידער פון דער ישראל־רעגירונג גופא.

עס זײַנען אָבער אַריבער אַ פּאָר געציילטע יאָרן און די טעזע פון ד״ר גאָלדמאַנען האָט פולשטענדיק געזיגט.

אויף דער צווייטער וועלט־קאָנפערענץ וועגן דעם סאָוועטישן ייִדנטום, וואָס איז פאָרגעקומען אין פעברואַר 1976 אין בריסל, איז איינשטימיק באַשלאָסן געוואָרן — צווישן אַ ריי אַנדערע רעזאָלוציעס — צו פאָדערן „אַנערקענען און רעספעקטירן די רעכט פאַר אונדזערע ברידער אין סאָוועט־רוסלאַנד אָפּצוהיטן זייער רעליגיע, געניסן פון זייער אייגענער קולטור־ירושה און שפראַך, און קענען זיי פרײַ אַנטוויקלען“.

און ווײַטער:

„אַז מען זאָל דערלויבן די ייִדן אין ראַטן־פאַרבאַנד זײַן פאַרבונדן און אָנהאַלטן קאָנטאַקטן מיטן רעשט פון דעם ייִדישן פאָלק אין דער וועלט.“

מיט דער גרויסער און טיפער פּראָבלעם פון אײַנשטעלן געהעריקע באַציִונגען צווישן מדינת ישראל און די תפוצות — וואָס ד״ר גאָלדמאַן באַטראַכט ווי די גורל־פראַגע צו פאַרזיכערן דעם קיום פון ייִדישן וועלטפאָלק — האָט ער זיך זײַער אַ סך אָפּגעגעבן, סײַ ווי דער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע און סײַ ווי דער פּרעזידענט פון ייִדישן וועלט־קאָנגרעס, אײַנזעענדיק די ענגע פאַרבינדונג צווישן ביידע צו דערגרייכן דעם בשותפותדיקן ציל. אין דעם ענין איז גאָלדמאַנען אויסגעקומען צו האָבן חילוקי־דעות מיט דוד בן־גוריונען. ד״ר גאָלדמאַנס שטאַנדפּונקט איז געווען פון אָנהייב אָן, — און דאָס האָט זיך פולשטענדיק באַשטעטיקט איצט — אַז ישראל, ווי אַ קליין לאַנד, אַרומגערינגלט מיט שונאים, אָרעם אין נאַטור־אוצרות און בײַ די באַדינגונגען פון דער איצטיקער אַלגעמיינער לאַגע אין דער וועלט, איז און וועט נאָך אַ לאַנגע צײַט זײַן עקאָנאָמיש, פּאָליטיש און אויך גײַסטיק אָפּהענגיק פון וועלט־ייִדנטום. נאָר דורך אַ קעגנזײַטיקער פּסיכאָלאָגישער און גײַסטיקער נאָענטקייט מיטן וועלט־ייִדנטום, נאָר דורך באַווירקן און גײַסטיק באַרײַכערן איינער דעם אַנדערן, איז מעגלעך אַז מדינת ישראל זאָל ווערן דאָס, וואָס מען וועט קענען אָנרופן: אַ גרויס־קליינע ייִדישע מדינה — האָט ד״ר גאָלדמאַן אָפּט דערקלערט און עס איז ניט לײַכט צו ענטפערן אויף דער פראַגע, צי די תפוצות זײַנען נייטיקער פאַר ישראל אָדער ישראל איז נייטיקער פאַר די תפוצות. די עקסיסטענץ פון ביידע טיילן פון ייִדישן פאָלק קאָן סוף־כל־סוף פאַרזיכערט ווערן נאָר דורך דעם, וואָס יעדער פון זיי וועט

ציִען דעם גרעסטן נוצן פון אַ נאָענטער און קעגנזײַטיקער קאָנסטרוקטיווער באַציִונג. אָבער דערפאַר דאַרף אויסגעאַרבעט ווערן אַ געוויסע פאָרעם פון געמיינזאַמער אַחריות און פון שותפישער אידענטיטעט אין אַ געוויסן זינען. אויסצואַרבעטן אַזאַ פאָרעם איז אַ זייער קאָמפּליצירטע עובדה, ווײַל עס זײַנען ניט פאַראַן דערויף קיין בײַשפּילן אין דער וועלט, מחמת דאָס ייִדישע פאָלק איז אַנדערש פון אַנדערע פעלקער, וועלכע האָבן אויך מיליאָנען פון זייערע זין אין אויסלאַנד.

אויסצואַרבעטן די דאָזיקע פאָרעם פון בשותפותדיקער פאַראַנטוואָרטלעכקייט און אידענטיטעט, און אויפצושטעלן דערפאַר די געהעריקע פאַראייניקנדיקע קערפּערשאַפט, האָט גאָלדמאַן אָוועקגעגעבן אַ סך מחשבה און מי ווען ער איז געווען פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. און נאָך לאַנגע פאַרהאַנדלונגען האָט זיך אים אײַנגעגעבן, אַז אין דער כנסת זאָל דורכגעפירט ווערן אַ געזעץ וועגן דעם סטאַטוס פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, די רעפּרעזענטאַטיווע אָרגאַניזאַציע פון די תפוצות, וואָס פירט־אָן מיט דער אַרבעט פאַר ישראל און נעמט־איבער, צוזאַמען מיט דער ישראל־רעגירונג, די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער עליה און פאַרן אויפשטעלן נײַע ישובים אין לאַנד. אויף דער באַזע פון דעם געזעץ איז געשלאָסן געוואָרן אַ פײַערלעכער אָפּמאַך — וואָס איז באַקאַנט אונטערן נאָמען „אַמנה“ — צווישן דער ישראל־רעגירונג און דער עקזעקוטיווע פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. אָבער אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט די ישראל־רעגירונג, אונטער דוד בן־גוריונס פּרעמיערשאַפט און אויך דערנאָך, זיך ווייניק גערעכנט מיט דער „אַמנה“, און די באַדײַטונג פון גאַנצן אָפּמאַך איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן. אין אַ געוויסער מאָס איז דאָס אויך געווען דערפאַר, ווײַל די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע אַליין איז ניט געווען גענוג שטאַרק און האָט ניט געהאַט דעם געהעריקן אײַנפלוס, באַזונדערס איבער דער נעגאַטיווער שטעלונג, וואָס דוד בן־גוריון האָט אָנגענומען קעגן דער ציוניסטישער באַוועגונג אין די תפוצות, און וואָס האָט אויך געווירקט אויף דעם יונגן דור אין ישראל, אַז ער זאָל האָבן אַזאַ באַציִונג צום אָרגאַניזירטן ציוניזם.

ד״ר גאָלדמאַן איז דאַן צוגעטראָטן צו פאַרשטאַרקן די באַזע פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע און זי אויסברייטערן דורך אַרײַנציִען גרופּעס, וועלכע האָבן ניט געהערט צו די באַזונדערע פּאָליטישע פּאַרטייען אין דער באַוועגונג. דאָס האָט זיך אויך ניט באַזונדערס אײַנגעגעבן, ווײַל די ציוניסטישע פּאַרטייען האָבן ניט געוואָלט אָוועקגעבן אַפילו דעם קלענסטן טייל פון זייער מאַכט אין דער וועלט־אָרגאַניזאַציע. אַ צווייטן פּרוּוו, וואָס האָט זיך מער אײַנגעגעבן, האָט גאָלדמאַן געמאַכט צו דערגרייכן מער אַחדות אין

אַמעריקאַנער ייִדישן פּאָליטישן לעבן דורך אויפשטעלן צוזאַמען מיט דעם אײַנפלוסרײַכן פירער פיליפּ מ. קלוצניק, דאַן פּרעזידענט פון „בני ברית", די קאָנפערענץ פון די פּרעזידענטן פון די גרעסערע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס אין די פאַראייניקטע שטאַטן, צו קאָאָרדינירן די פּאָליטישע אַרבעט פאַר ישראל. די דאָזיקע פאַראייניקונג עקסיסטירט ביזן הײַנטיקן טאָג און איז אויסגעוואַקסן ווי די רעפּרעזענטאַנץ פון אַמעריקאַנער ייִדנטום פאַר די פּראָבלעמען פון מדינת ישראל.

אַן ענלעכן ייִדישן פאָרום צו באַהאַנדלען אינטערנאַציאָנאַלע ייִדישע פּראָבלעמען האָט ד"ר גאָלדמאַן געפּרוווט שאַפן אין וועלטפאַרנעם, אויפשטעלנדיק די קאָנפערענץ פון גרויסע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס, „קאָזשאַ", אין וועלכער עס גייען אַרײַן אַלע אָפּטיילונגען פון ייִדישן וועלטקאָנגרעס, צוזאַמען מיט די „בני ברית", באָאַרד אָוו דעפּיוטיס אין ענגלאַנד און אַנדערע ענלעכע קערפּערשאַפטן. נאָך לענגערע פאַרהאַנדלונגען איז אין רוים, אין 1958, פאָרגעקומען די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון דער דאָזיקער פאַראייניקונג „קאָזשאַ", וועלכע עקסיסטירט ביזן הײַנטיקן טאָג און האָט שוין דורכגעפירט וויכטיקע ייִדישע וועלטאַקציעס, ווי די אינטערווענץ בײַם וואַטיקאַן בעת דער דעבאַטע אין עקומענישן ראַט וועגן דער ייִדנפראַגע. „קאָזשאַ" האָט אויך, אויף דער איניציאַטיוו פון ד"ר גאָלדמאַן, געגרינדעט אַ וועלטראַט פאַר ייִדישער דערציִונג.

צו אַנטוויקלען דאָס ייִדישע קולטור־לעבן און אויפהאַלטן און פאַרגרעסערן די גײַסטיקע ייִדישע קולטור־אוצרות, איז אויף דער איניציאַטיוו פון ד"ר גאָלדמאַן געשאַפן געוואָרן די אָנדענק־פונדאַציע פאַר ייִדישער קולטור, וואָס פאַרטיילט יעדעס יאָר גרעסערע סובסידיעס פאַר ייִדישע בילדונגס־ און קולטור־אינסטיטוציעס און גיט סטיפּענדיעס פאַר ייִדישע שרײַבערס און וויסנשאַפטלערס, פאַר זייערע ליטעראַרישע און פאָרשערישע אַרבעטן. אַ דאַנק דער דאָזיקער אינסטיטוציע האָבן געקענט דערשײַנען פיל וויכטיקע ליטעראַרישע ווערק, וואָס פאַרנעמען אַ פּראָמינענט אָרט אין ייִדישן גײַסטיקן שאַפן.

נאָך דער גראַנדיעזער דעמאָנסטראַציע פון דער סאָלידאַריטעט און אייניקייט פון וועלט־ייִדנטום מיט מדינת ישראל, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק בעת דער זעקסטאָגיקער מלחמה אין 1967, האָט גאָלדמאַן פאָרגעלייגט דעם ייִדישן וועלטקאָנגרעס און דער ייִדישער אַגענטור אויסצובריייטערן „קאָזשאַ", דורך אַרײַננעמען די ייִדישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זײַנען נאָך געבליבן דרויסן, און פאַרוואַנדלען „קאָזשאַ" אין אַ ייִדישן וועלט־פּאַרלאַמענט, וואָס זאָל אָפּהאַלטן זײַנע רעגולערע סעסיעס איין מאָל אָדער צוויי מאָל אַ יאָר און באַהאַנדלען אַלע ייִדישע פּראָבלעמען, ווי באַשיצן ייִדישע רעכט, אויפ־

האַלטן דעם ייִדישן לעבנס־שטייגער; שטאַרקן דעם קיום פון ייִדן ווי אַ פֿאָלק; אַנטוויקלען און פאַרשטאַרקן דאָס געפיל פון ייִדישער אידענטיטעט בײַם יונגן ייִדישן דור אין די תּפוצות — ווי אויך באַהאַנדלען אַלע פּראָבלעמען וואָס זײַנען פאַרבונדן מיט ישראל, און ווערן די צענטראַלע אָרגאַניזאַציע, וואָס וועט פאַראייניקן די תּפוצות מיט דער ייִדישער מדינה. ד״ר גאָלדמאַן האָט מיט זײַן געוואַגטער אידעע זיך פאַרמאָסטן אויף דעם, אַז דער דאָזיקער ייִדי־שער וועלט־פאַרלאַמענט זאָל אַרומנעמען אַלע טיילן און אַלע קרײַזן פון וועלט־ייִדנטום, פון ליובאַוויטשער רבין ביז די ייִדישע קאָמוניסטן — ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט. אָבער די פאַרהאַנדלונגען וועגן שאַפן אַזאַ ייִדישן וועלט־פאָרום האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף זייער גרויסע שוועריקייטן, בעיקר דער־פאַר, ווײַל די באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס האָבן ניט געוואָלט אָפּזאָגן זיך אַפילו פון אַ טייל פון זייער אויטאָנאָמיע. און עס האָט זיך ניט אײַנגעגעבן



מיט פרײַנד און מיטאַרבעטערס: ד״ר יאָאַכים פּרינץ און ד״ר גערהאַרדט מ. ריגנער

אַזאַ אויסברייטערונג פון „קאָזשאַ" און אויפשטעלן פון דער פאַראייניקונג אַ ייִדישן וועלט־פּאַרלאַמענט.

ד"ר גאָלדמאַן איז דאַן צוגעטראָטן צו אַ גרויסער אַקציע צו פאַרוואַנדלען דעם ייִדישן וועלטקאָנגרעס אין אַזאַ ייִדישן וועלטפאָרום — אין דעם גייסט פון זיין דערקלערונג שוין ביי דער צווייטער סעסיע פון ייִדישן וועלטקאָנ־גרעס, קורץ נאָך דער באַגייונג פון דער ייִדישער מדינה, סוף יוני 1948 אין מאָנטרעי, שווייץ: „מדינת ישראל וועט פאַרטרעטן אירע בירגער און רעדן פאַר זיי, און דער ייִדישער וועלטקאָנגרעס וועט פאַרטרעטן דאָס ייִדישע פאָלק פון רעדן פאַר אים; — אויף ווי ווייט דער ייִדישער וועלטקאָנגרעס וועט זיין באַפולמעכטיקט דאָס צו טאָן". די דאָזיקע באַפולמעכטיקונג איז אין אַ גאָר גרויסער מאָס דערגרייכט געוואָרן נאָך די באַמיִונגען, וואָס ד"ר גאָלדמאַן האָט אונטערגענומען אין די פאַרגאַנגענע עטלעכע יאָר, און וואָס האָבן גע־בראַכט זייער וויכטיקע רעזולטאַטן. גרויסע צענטראַלע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס, ווי דער וועלט־פאַרבאַנד פון רעפאָרם־ייִדנטום, די וועלט־פאַראייניקונג פון קאָנסערוואַטיוון ייִדנטום, די „בני ברית", די „באָאַרד אָוו דזשואיש דעפּיוטיס" אין ענגלאַנד און אַ ריי אַנדערע רעפּרעזענטאַטיווע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס אין אַלע וועלטטיילן, האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין ייִדישן וועלטקאָנגרעס.

„מיר דאַרפן זאָרגן וועגן דער צוקונפט פון די ייִדישע ישובים אין דער גאָרער וועלט, און מיר דאַרפן זאָרגן וועגן דער צוקונפט פון מדינת ישראל. דער דעצידירנדיקער פּראָבלעם פון אונדזער פאָלק איז תמיד געווען דער אינע־וויניקסטער פראָנט" — האָט ד"ר גאָלדמאַן דערקלערט ביי דער דריטער סע־סיע פון ייִדישן וועלטקאָנגרעס, אין אויגוסט 1953, ווען ער איז נאָכן טויט פון ד"ר סטיפען ס. ווייז געווילט געוואָרן ווי דער פּרעזידענט פון קאָנגרעס. און אויף דער סעסיע אין שטראַסבורג, אין 1965, האָט ד"ר גאָלדמאַן — נאָכן באַהאַנדלען אויספירלעך און גרינטלעך די אויסנווייניקסטע און אינעווייניק־סטע פּראָבלעמען פון ייִדישן פאָלק, באַטאָנענדיק אַז די הויפּט־אויפגאַבע פון ייִדישן וועלטקאָנגרעס איז צו „רעפּרעזענטירן און פאַרווירקלעכן די אידעע פון דער איינקייט פון ייִדישן פאָלק אין זיינע טעטיקייטן" — געררופן, אַז „דער ייִדישער וועלטקאָנגרעס דאַרף ווערן די צענטראַלע וועלט־אָרגאַני־זאַציע פון אונדזער פאָלק ביי די געפערלעכע באַדינגונגען פונעם לעבן אין 20סטן יאָרהונדערט, בכדי צו באַקעמפן די סכנות, וועלכע באַדראָען די עקסיס־טענץ פון ייִדישן פאָלק, און צו העלפן פאַרזיכערן זיין קיום".

ביי דער פינפטער סעסיע פון ייִדישן וועלטקאָנגרעס, אין בריסל אין 1966, אויף וועלכער עס איז געפייערט געוואָרן דער דרייסיקיעריקער יובילי,

זינט דער קאָנגרעס איז געשאַפן געוואָרן, האָט ד״ר גאָלדמאַן שוין געהאַט די פולע באַגרינדונג צו דערקלערן, אַז „דער ייִדישער וועלטקאָנגרעס האָט באַוויזן צו פאַרווירקלעכן אין אַ גרויסער מאָס די אידעע פון ייִדישער אייני־קייט. ער האָט צונויפגעבראַכט און פאַראייניקט ייִדישע אָרגאַניזאַציעס און קהילות פון זעכציק לענדער און האָט געגעבן זײַן בײַשטײַער צו דער לייזונג פון פיל ייִדישע פּראָבלעמען אין משך פון די דרײַ יאָרצענדליגער״.

נחום גאָלדמאַן צוזאַמען מיט די וויצע־פּרעזידענטן פון ייִדישן וועלט־קאָנגרעס: ד״ר משה גאָלדמאַן (לאַטײַן־אַמעריקע), ד״ר אַריה טאַרטאַ־קאָווער (ישראל), שמואל בראָנפמאַן (נאָרד־אַמעריקע), לאָרד ישראל מ. זיוו און מאַרקיזין רידינג (אייראָפּע)

בײַ דער זעקסטער פּלענאַרער סעסיע, וואָס האָט זיך פאַרזאַמלט אין ירוש־לים אין פעברואַר 1975, און בײַ וועלכער ד״ר גאָלדמאַן איז ווידער אויס־געקליבן געוואָרן ווי דער פּרעזידענט, האָט דער ייִדישער וועלטקאָנגרעס, מיט די איבער זעקס הונדערט דעלעגאַטן, רעפּרעזענטירט כמעט דאָס גאַנצע וועלט־ייִדנטום, אין אַלע קאָנטינענטן, און האָט אויפגענומען אין ברייטסטן

פאַרנעם און טיפסטן אינהאַלט די אַקטועלסטע יידישע וועלטפּראָגעס, מיט דער ישׂראל־פּראָבלעם אין צענטער. די גרויסע דעלעגאַציע פון רוסישע יידן, עולים אין ישׂראל, וועלכע האָט גענומען אַ גרויסן אָנטייל אין די פאַרהאַנד־לונגען פון דער סעסיע, האָט מיט רעכט געקאָנט רעדן אין נאָמען פון די יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד און אין אַנדערע קאָמוניסטישע לענדער. און אַ וויכ־טיקע ראָל האָט געשפּילט ביי דער סעסיע די פּראָמינענטע דעלעגאַציע פון רומעניע, מיט הרב הראשי ד״ר משה ראָזען אין דער שפּיץ.

אָט די אימפּאָזאַנטע פּלענאַרע סעסיע פון יידישן וועלטקאָנגרעס, וואָס האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך דעם גרעסטן און רעפּרעזענטאַטיווסטן יידישן וועלט־צוזאַמענפאָר אין די לעצטע צענדליגער יאָרן, האָט זיך דערנענטערט צו דעם ציל, וועלכן ד״ר גאָלדמאַן האָט זיך געשטעלט זינט דער גרינדונג פון דער יידישער מדינה, צו פאַראייניקן דעם יידישע וועלטפאָלק, וואָס זאָל, טראָגנ־דיק זיין טייל פון דער אַחריות פאַר דעם קיום פון דער יידישער מדינה, גלייכ־צייטיק נעמען אויף זיך די פולסטע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אויפהאַלטן דאָס לעבן פון יידן ווי אַ פאָלק אין אַלע תפוצות איבער דער גאַרער וועלט. ווייל נאָר אויף אַזאַ אופן קאָנען ביידע טיילן פון וועלט־יידנטום העלפן איינער דעם צווייטן צו פאַרזיכערן ביידנס קיום, וואָס מיינט דעם קיום פון גאַנצן יידישן פאָלק, אין מדינת ישׂראל און אין די תפוצות.

„דורך דעם וואָלט רעאַליזירט געוואָרן איינער פון די הויפּטצילן אין אַלע יאָרן פון מיין יידישער פּאָליטישער אַרבעט״ — האָט ד״ר גאָלדמאַן אויסגע־פירט אין זיינע מעמואַרן. דער דאָזיקער גורל־פּראָבלעם פון יידישן קיום זיי־נען אויך געווידמעט בעיקר די דריי בענד פון ד״ר גאָלדמאַנס געזאַמלטע רעדעס און עסייען, וואָס זיינען דערשינען אין העברעיש און יידיש; די באַזונדערע אויסגאַבעס פון זיינע רעפעראַטן און אַרטיקלען אין ענגליש; און דאָס בוך אין פראַנצויזיש, וואָס איז לעצטנס אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דעם פּראָמינענטן קאַלמאַן־לעווי־פאַרלאַג אין פּאַריז. דאָס דאָזיקע בוך וועגן די פּראָבלעמען פון דער ישׂראל־פּאָליטיק איז אויך דערשינען אין העברעיש און אין אַנדערע שפּראַכן.

דער וועלט־צוזאַמענפאָר פון יידישן וועלטקאָנגרעס אין פעברואַר 1975 אין ירושלים, וואָס איז געווען די גרעסטע רעפּרעזענטאַטיווע און קאָנסטרוק־טיווע דעמאָנסטראַציע פון אַלוועלטלעכער יידישער סאָלידאַריטעט און קאָאָ־פּעראַציע ביים באַהאַנדלען די פּראָבלעמען פון ישׂראל און פון וועלט־יידנטום — דער אימפּאָזאַנטער צוזאַמענפאָר, מיט וועלכן ד״ר נחום גאָלדמאַן האָט אָנגעפירט ערב זיין אַכציקסטן געבוירנטאָג, איז אין אַ הויכער און פיל־באַ־דייטנדיקער מאָס געווען די פאַרווירקלעכונג פון זיין דערהויבענעם און לעבנס־

וויכטיקן ציל, צו שאַפן די ייִדישע אייניקייט, בכדי אויפצוהאַלטן און פאַרזי־כערן דעם קיום פון וועלט־ייִדנטום.

און ברייט און טיף האָט אָפּגעהילכט איבער דער גאַנצער ייִדישער וועלט דער רוף, און די וואָרענונג, וואָס ד״ר גאָלדמאַן האָט אַרויסגעגעבן אין זײַן גרינטלעכן אַנאַליז פון דער איצטיקער ייִדישער לאַגע, אין זײַן פּראָגראַם־רעדע בײַ דעם קאָנגרעס: „מיר דאַרפן אויפהערן צו זײַן צו פיל זיכער מיט אונדזער מצב. די רעלאַטיוו רויִקע און גוטע תקופה זינט דער צווייטער וועלט־מלחמה קומט צום סוף און מיר גייען־אַרײַן אין אַ נײַער עפּאָכע, ווען מיר וועלן דאַרפן קעמפן מער אָנגעשטרענגט און קעגן גרעסערע סכנות און ריזי־קעס פאַר דעם קיום און פאַר דער זיכערקייט פון מדינת ישראל און פאַר דער ווײַטערדיקער עקסיסטענץ פון די תפוצות. קיין זאַך איז ניט געפערלעכער, ווי אַנטלויפן פון אומבאַקוועמע און טרויעריקע פאַקטן און לעבן מיט אילוזיעס. מיר מוזן געפינען אין זיך דעם קוראַזש און האָבן דעם ניכטערן שכל צו קוקן גלײַך אין פּנים די רעאַליטעטן, סײַ אין ישראל און סײַ אין די תפוצות. דאָס וועט אונדז געבן די מעגלעכקייט צו רעאַגירן ווי געהעריק אויף די גורלדיקע פּראָבלעמען און אַרײַנגיין אין דער נײַער עפּאָכע מיט גלויבן אין אונדזער צוקונפט; מיט דעם פולן כוח איבערצוקומען די שוועריקייטן, וואָס דערוואַרטן אונדז, און פירן ווײַטער אַ שאַפעריש לעבן פון ייִדישן פאָלק, וואָס זאָל ניט פאַרשעמען אונדזער גרויסע און הערלעכע פאַרגאַנגענהייט".

Se terminó de imprimir en setiembre de 1976 en los Talleres Gráficos ZLOTOPIORO S.A.C.I.F., Sarmiento 3149, Buenos Aires, República Argentina.